וָכצענטאָ עירהאָנ

№ 25

[illegible] • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Biblj. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

[illegible]

פרייטיגס יודיש צייטונג
[illegible]

[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 291.
[illegible]

Piątek 18 czerwca 1937 — ליכט-צינדען 7,37 — פרייטאג פ׳ חקת ט׳ תמוז תרצ״ז

XI Walne Zgromadzenie Banku Spółdz. Przemysłwców i Kupców z ogr. odp. w Częstochowie ul. Panny Marji 22 gmach własny odbędzie się **dnia 27 czerwca 1937 r. o g. 16 w lokalu Stow. Przemysłowcòw i Kupców** Aleja Wolności 3,5

PORZĄDEK OBRAD:

1) Zagajenie Zgromadzenia i wybór przewodniczącego. 2) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zgromadzenia. 3) a) Sprawozdanie Zarządu za 1936 rok, b) Sprawozdanie Rady Nadzorczej za 1936 rok c) Odczytanie bilansu, oraz rachunku strat i zysków za 1936 rok d) Odczytanie protokułu Związku Żydowskich Spółdzielni w Polsce. 4) Przyjęcie bilansu i udzielenie absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej. 5) Podział zysków za 1936 rok. 6) Budżet na 1937 rok. 7) Zmiana statutu Banku. 8) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie Spółdzielnia może zaciągnąć. 9) Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi. 10) Wybory: a) 2-ch członków Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących. b) 4-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców zamiast 3-ch ustępujących i zmarłego b. p. Anszla Warszawskiego. Ustępują: z Zarządu: p. Stanisław Prusicki z Rady Nadzorczej: pp. D. Borzykowski, Dr. Bolesław Helman i Dyr. R. Markowicz. UWAGA: Członkowie ustępujący mogą być wybrani ponownie.

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער **קאָאָפּ. סוחרים און פאַבּריקאַנטען-באַנק** מיט בעגר. פער. טשענסטאָכאָוו קומט וואָר אין **דעם 27 יוני 1937 י. 4 אַ זייגער נאָכמיטאג אין לאָקאַל פון סוחרים און פאַבּריקאַנטען-פעראיין** אלעע וואָל. נאָשטשי 3-5

טאג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג און וואהל פון אַ פאָרזיצענדען 2) פאָרלעזען דעם פראָטאָקאָל פון דער פֿוריגער אַלגעמיינער פערזאַמלונג. 3) א. בעריכט פון דער פערוואַלטונג פאַר׳ן יאהר 1936, ב. בעריכט פון אויפזיכטס-ראַט פאַר׳ן יאהר 1936, ג. פאָרלעזען דעם בילאַנס און רעכנונג פון היזקות און ריוח פאַר׳ן יאהר 1936, ד. פאָרלעזען דעם פראָטאָקאָל פון פערבאַנד פון יודישע קאָאָפּעראַטיווען אין פוילען. 4) אָננעמען דעם בילאַנס און ערטיילען אבסאָלוטאָריום דער פערוואַלטונג און אויפזיכטס-ראַט. 5) דאס צוטיילען דעם ריוח אויפ׳ן יאהר 1936, 6) בודזשעט אויפ׳ן יאהר 1937. 7) ענדערן דעם סטאַטוט פון דער באַנק. 8) בעשטימען די העכסטע פערפליכטונגס-סומע, וואס די באַנק קען אויף זיך נעמען. 9) בעשטימען די גרעניצען פון העכסטען קרעדיט, וואס קען ערטיילט ווערען א מיטגליד. 10) וואהלען: א. פון 2 פערוואַלטונגס-מיטגלידער און 3 פערטרעטער אויפ׳ן אָרט פון די אָבטרעטענדע, ב. 4 מיטגלידער פון ראַט און 3 פערטרעטער אנשטאט די אָבטרעטענדע און דעם פערשטאָרבענעם אנשל וואַרשאַווסקי נ״ע. ס׳טרעטען אָב פון דער פערוואַלטונג: ה׳ סטאַניסלאַוו פּרושיצקי, פון אויפזיכטס-ראַט: ה״ה ד. באָזשיקאָווסקי, דר. באָלעסלאַוו העלמאַן און דיר. ר. מאַרקאָוויטש. די אָבטרעטענדע מיטגלידער קענען אויפסניי געוועהלט ווערען.

ווייזט ארויס דיין סאָלידאַריטעטס-געפיהל און אייל מיט הילף פאַר אונזערע אומגליקליכע בריסקער ברידער!

דאַנקזאַגונג.

מיר דאַנקען דעם ה׳ **ארון האלבערג** פאַר די געשפענדעטע 100 זלאָטעס לטובת די ת״ת מחזיקי הדת דורך דער פערמיטלונג פון ר׳ שלמה קרויסקאָפּף.

די פערוואַלטונג פון מחזיקי הדת.

דאַנקזאַגונג.

אונזער הארציגסטען דאַנק דריקען מיר אויס דעם **ד״ר לעאָן פרענקי** פאַר די זאָרגפעלטיגע בעהאַנדלונג בעת די קראַנקהייט פון אונזער קינד, ארויסראַטעוועדיג איהם פון א שווערע לונגען-קראַנקהייט.

מיר דריקען איהם אויס דאַנקבאַרקייט און ווינשען ערפאָלג אין זיין ווייטערער פּראַקטיק.

אברהם לעווקאָוויטש און פרוי, ודיעלון.

ALEJA 2 TEL. 1913

Losy w nielicznej ilości do nabycia.

Szkoła i Przedszkole im. Zofii Wajnsztokówny

w Częstochowie, Aleja 20, tel. 10-78.

przyjmuje zapisy nowowstępujących do wszystkich klas. Egzaminy systemem lekcyjnym.

De przedszkola przyjmuje się dzieci od lat 3ch

Tamże zapisy **na kolonie letnie we Włodzimierzu**

oraz do OGRODU SZKOLNEGO.
Wyjazd dzieci w czwartek 24 b. m.

P. D-rowi F. NOWAKOWI

za przeprowadzenie udanej operacji oraz całemu Personelowi Szpitala Żyd. na Zawodziu za troskliwą opiekę podczas choroby mojej, wyrażam serdeczne podziękowanie.

Ch. Frydman.

Szkoła Rzemieślniczo-Przemysłowa dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska № 6|8.

podaje do wiadomości, że zapisy przyjmuje od dnia 15-go maja b. r. do oddz.: ślus. mech. i stolarskiego.

Ilość miejsc ściśle ograniczona.

Kancelarja czynna od godz. 9—14-ej.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאַנג - דויערענדען שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדען** צו ריינינען און צו פערבען אַלערלעי קליידונג. גאַרדינען צו וואַשען און צו שפּאַנען.

ספּעציאַליטעט: 1) **פאַרבען לעדערנע קורטקעס** 2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).

אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט אַלץ צוגעליגע פרייזען.

Dr. med. A. WOLBERG

choroby skórne-weneryczne

przeprowadził się

i ordynuje od 4—6 po poł.

Aleja Wolności № 13

II piętro tel. 13-67.

RODZINIE LANCMAN oraz koleżance JADZI z powodu zgonu Ich ukochanej

MATKI

wyrażają głębokie współczucie

SALA, ETKA, HELA i ZOSIA

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער פריינדין **האנקא לאַנצמאַן** צום טויט פון איהר

מוטער

זיי געטריסט!

שלמה פּאַצאַנאָווסקי, חיים אָרבאַך, אברהם קליין און **לייזער בערגמאַן.**

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד און קאסירער ה׳ **ישעיהו גראַנעק** צום פריהצייטיגען טויט פון זיין שוועסטער

נ״ע **פייגל פייערטאג**

און דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

דאָס פּרעזידיום און פערוואַלטונג פון האַנדווערקער-פערבאַנד, טשענסטאָכאָווער אָבטיילונג.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער סטאַרשי ה׳ **ישעיהו גראַנעק** צום טויט פון זיין שוועסטער, די פרוי פון אונזער מיטגליד י. פייערטאַג

נ״ע **פייגל**

און דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל

די פערוואַלטונג פון יודישען שניידער-צעך,

אונזער שאַף דעם ה׳ **ישעיהו גראַנעק** צום טויט פון זיין שוועסטער

נ״ע **פייגל פייערטאג**

דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

דאָס אַרבייטער-פערסאָנאַל פון דער פירמע **ש. גראַנעק, אַלעע 20.**

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון אונזער חבר און פריינד **ישעיהו גראַנעק** צום פריהצייטיגען טויט פון זיין שוועסטער

נ״ע **פייגל פייערטאג**

אין זיין געזעלשאַפטליכער ארבייט לטובת דעם יודישען האנדווערקער זאָל ער געפונען א טרייסט.

מאיר פייגענבלאַט און פאַמיליע
סאַמועל געלבהויער און פאַמיליע
יוסף זויבערמאַן און פאַמיליע.

טעאַטער „מכבי", קאַטעדראַלנאַ № 13.

שבת, ד. 19-טען יוני 4 בייטאָג און 9 אָוונט

אויפטריט פון די בעליבטע און בעריהמטע קינסטלער

יאַנאַס טורקאָוו, דיאַנאַ בלומענפעלד

מיט זייער קאָנצערט-איינגעשפּילטען אנסאַמבל: שבתאי בליאַכער, ב. האַרט, וו. הייבלום, ל. לערנער, ג. שאַפּיראָ אין דער זעהר פרעהליכער קאָמעדיע

קאַריערע

אין 3 אַקטען פון ל. פּאַ־אָר. יוריש: ד. בלומענפעלד

אָנהויב 9 אָוועגד. בילעטען ביי ה׳ באַטשאַן, שבת א גאַנצען טאָג—אין קאַסע

Erdal pasta do obuwia
czyści obuwie i odświeża je.
Jej tajemnica: użyć jak najmniej pasty Erdal, ale polerować miękkim suknem, aż do lśniącego połysku.

עטופי אבל אנו מביעים את השתתפותנו העמוקה בצערם ויגונם הכבד של **משפחת לאנצמאן** בהלקח מעליהם האשה החשובה והנכבדה מ׳

פייגל נ״ע

המקום ינחם אתכם ולא תוסיפי לדאבה עוד.

הפרוואלטונג ד׳„גמילות חסד" והמתפללים „דאהבת אחים", אגראדאווא 6.

מיר בעטייליגען זיך אינ׳ם צער פון אונזער פריינדין **האַנקאַ לאַנצמאַן** צוליעב׳ן טויט פון איהר געליבטע

מוטער

לאַניאַ קאַץ, ישראל קויפמאַן.

דעם טיפסטען צער דריקען מיר אויס אונזער פערוואלטונגס-מיטגליד ה׳ **מנשה יאקובאָוויטש** צום טויט פון זיין ליבען פאָטער

יחיאל יעקב ע״ה

אין דער ארבייט לטובת די קליינהענדלער זאָל ער א טרייסט געפונען.

צענטראַלע פון דעטאַליסטען און קליינהענדלער טשענסטאָכאָווער אָבטיילונג.

נאָטיצען.

די טשענסטאָכאָווער יודען, וואס האבען א שם אין דער וועלט אלס איידעלע בעל רחמנות'דיגע מענשען, האט זיך איצט ביי מעשה-בריסק ארויסגעוויזען, להיפוך. טראָץ די אויפרופען, וואס דער ספּעציעל צו דעם צוועק געשאַפענער קאָמיטעט האט ארויסגעלאָזט, טראָץ די אַליאַרמען, וואס די אָרטיגע יודישע פּרעסע האט געמאכט בנוגע ענין בריסק האבען זיך די טשענסטאָכאָווער יודען זעהר וועניג אָבגערופען.

מיט וואס זאָל מען די דאָזיגע גלייכגילטיגקייט פערענטפערן, ליידער איז נישטאָ קיין תירוץ.

עס איז טאַקי א חרפה און א וועהטאג עס צו דערצעהלען, זאָל מען זיך אָבער בעסער זאגען דעם אמת, אויף דער גרויסער טראַגעדיע בריסק וואס ווערט מיט בלוטיגע אותיות פערשריבען אין דער געשיכטע פון יודען אין פוילען, האבען די טשענסטאָכאָווער יודען זעהר שוואַך רעאַגירט.

טייל יודען טענה'ן, אז דער קאָמיטעט האט געדאַרפט דעלעגירען זיינע מיטגלידער און אויפזאמלען די נדבות ביי יעדען אין דער שטוב, ווייל, אזוי פירט זיך שוין מקדמונים, אז אויב מען קומט צו יענעם אין שטוב גיט יעדער גערן, דאַגעגען, וועט קיינער נישט אַוועקטראגען זיין נתינה אויף א בעשטימט אָרט; דאס האַלט אָבער נישט אויס די קריטיק, ווייל מעשה בריסק איז נישט קיין ענין, וועגען געבען עפּעס דאָרט שטיצע א פּאָר פּעראָרימטע פאמיליעס, נאָר דאס איז א מאָראַלישע פליכט פון גאנצען וועלט-יודענטום בכלל ובפרט פון פוילישען יודענטום, ווייל מיט דעם, וואס מען גיט פאַר בריסק שטרייכט מען אונטער, אַז מיר וועלען זיך נישט לאָזען פעריאָגען פון אונזערע אלט געזעסענע מקומות, אז מיר וועלען זיך נישט לאָזען פערטרייבען פון דער ערד, וועלכע מיר האבען נאָס געמאכט מיט אונזער שווייס און בלוט. האט דעריבער געדאַרפט זיין דער היילינער חוב פון יעדען יוד אפילו פון אָרימסטען זיך צו בעטייליגען פּריוויליג אין דער דאָזיגער זאמלונג. און ווער עס האט דאס נישט געטהון, איז ער זיך מוציא מן הכלל. אויב א גרויסע טייל טשענסטאַכאווער יודען, האבען זיך אַלזאָ נישט בעטייליגט אין דער דאָזיגער פאָלקס אָקציע, האבען זיי זיך ארויסגעגעבען א שלעכטען אטעסטאט.

דאַרף עס געטאָדעלט ווערען. דאַרף מען זאגען: וועה איז צו דעם דור, וואס איז נישט דערוואַקסען צו זיינע אויפגאבען.

טשענסטאַכאווער יודען, איהר האט נאָך צייט זיך צו רעהאַבּיליטירען.

עס זענען שוין כמעט פערטיג די ליסטעס פון די קינדער פון די פאָווּשעכנע-שולען, חדרים, אָכראַנקעס, וועלכע וועלען געניסען פון דער „האלב אָדער גאנצער קאָלאָניע ביים „טאָז".

מיר ווילען נישט קריטיקירען דעם דאָזינען צוזאמענשטעל, צי ער איז אַ ריכטיגער אָדער נישט. מיר ווילען נאָר אויפ'ן סמך פון די ידיעות, וואס מיר דערהאלטען וועגען דעם, אפּעלירען צו די עלטערן-קאָמיטעטען פון די דאָזיגע שולען, אַז זיי זאלען זיך בעמיהען, דאס געניסען פון די זומער-קאָלאָניעס זאָלען נור די קינדער, וועלכע נויטיגען זיך אממעהרסטען דערין.

אוודאי, וואלט געווען מעהר ווי רעכט, אז פון די דאָזיגע קאָלאָניעס זאָלען געניסען אלע יודישע קינדער אָהן אויסנאַהם, קיין עבירה וואלט עס בעשטימט נישט געווען, היות אָבער ווי ביי די בעדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבען איז אזא זאך אויסגעשלאָסען, דאַרף דעריבער זיין דער חוב פון די מאסגעבענדע פאקטאָרען צו נעמען אין אָכט, אז אין דעם פאל זאָל ביי זיי זיינען דאס אחריות-געפיהל פאר די אָרימסטע און נויטבעדערפטיגסטע יודישע קינדערלעך.

מיר אפּעלירען צו אייך, נעמט דאס אין אָכט! ש.

ציהונג פון די פּרעמירטע ביכלעך אין ק. ק. א.

דעם 19-טען יוני 1 א זייגער מיטאג קומט פאר אין דער קאָמונאַל קאַסע (אַלעע 19) די ציהונג פון די פּרעמיעס פאר פּרעמירטע אָבשפּאַרונגס ביכלעך. די ציהונג קומט פאר אין דער אָנוועזענהייט פון דער פּראַינטערעסירטער יוגענד און זייערע עלטערן.

די אלגעמיינע ציוניסטען און דער 20-טער קאָנגרעס.

אַ גרויסע פּאַרבּרייטונגס-ארבּייט צו דער וואהל-קאמפּאניע צום 20 טען ציוניסטישען קאָנגרעס האט לעצטענס ענטוויקעלט דער צ. ק. פון דער אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטען אין פוילען (גרופּע ב' וועלט פערבּאַנד). חוץ א גרויסע צאהל פון צירקולאַרען וואס זענען צושיקט געוואָרען אין אַלע שטעדט אויף דער פּראָווינץ וועגען דער שקל אָקציע, איז געמאכט געוואָרען א רייהע בעזוכען דורך די מיטגלידער פון צ. ק. און פּאַרטיי-ראַט.

זעהר א גרויסען רושם האט איבערגעלאָזט אין ראדאָם דער בעזוך פון פּרעזעס פון צ. ק. ה' ל. לעוויטע, וועלכער האט אויף אַ געשלאָסענער פערזאמלונג פון אָנגעזעהענסטע ציוניסטען רעפּערירט וועגען די אַקטועלסטע פּראָבּלעמען אין ציוניזם און א"י.

ה' אינזש. יוסף טהאָן האט זיך בעטייליגט אין א קרייז-קאָנפערענץ פון זאַגלעמביע. וואו עס זענען געווען פערטרעטער פון סאָסנאָוויעץ, בענדין, דאָמבּראָווא גורניטשא און א רייהע קלענערע שטעדט.

דער פּרעזידיום מיטגליד פון צ. ק. אדוו. ד. אַלאַמוצקי האט אין א גרויסען רעפּעראט אין פּויזען אויפגעקלערט דעם וואהל פּלאַטפאָרם פון וועלט פערבּאנד צום קאָנגרעס און אויפ'ן אָרט איז געשאַפען געוואָרען א אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטעט פאר אָנ'אָבטיילונג פונ'ם וועלט פערבאנד אין פּויזען.

עס זענען בעזוכט געוואָרען אויך א רייהע שטעדט דורך די מיטגלידער פון צ. ק. און פּאַרטיי-ראָט: אריה צייטלין (בריסק, וואו עס איז געשאַפען געוואָרען א קרייז סעקרעטאַריאַט פאַר פּאָלעסיע), ש. בערמאן (דער לייטער פון קרייז-סעקרעטאַריאַט אויף וואָהלין), י. געזונדהייט. אין דער נעכסטער צייט וועלען אָרגאַניזירט ווערען גרעסערע פערזאמלונגען אין ביאַליסטאָק, בידגאָשטש און וואָהלין. לויט די ערהאַלטענע ידיעות בעטייליגען זיך די חברים זעהר אַקטיוו אין דער שקל אקציע און עס ווערען איבעראַל געמאכט ענערגישע פּאַרבּרייטונגען צו דער וואָהל קאמפאניע, וועלכע וועט זיכערען דעם ערפאָלג דער ליסטע פון אלגעמיינע ציוניסטען (וועלט פערבאנד).

קאָנסטיטואירט דער וואָהל-קאָמיטעט צום 20-טען ציונ. קאָנגרעס.

אין הסכם מיט'ן צירקולאַר פון צענטראלען שקל-קאָמיטעט אין ווארשא, אַז שפּעטסטענס ביז'ן 20-טען ד. ח. מוז געשאַפען ווערען דער וואהל-קאָמיטעט צום ציונ. קאָנגרעס — איז דורכ'ן פּאָרזיצער פון היגען שקל-קאָמיטעט ה' י. גריכטער, גערופען געוואָרען אַ פערזאמלונג פון אלע ציוניסטישע פּאָליטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע דאַרפען בילדען דעם וואָהל-קאָמיטעט.

דינסטאג אָוועגד איז אין לאָקאַל פון דער ציונ. אָרג. פּאָרגעקומען די דערמאנטע פערזאמלונג, צו וועלכער ס'זענען געקומען בעפולמעכטיגטע דעלעגאַטען פון אלע היגע ציונ. גרופּירונגען אין דער צאהל פון 16 פּערזאָן און נאָכ'ן בעקענען זיך מיט'ן מאטעריאל האט דער קאָמיטעט אויסגעוועהלט אַ פּרעזידיום לויט פאָלגענדען: פּאָרזיצער — וו. איצעק (ציונים), צוויי וויצע-פּאָרזיצער — יהושע שטרויס (בלאָק), י. ענגעל (מזרחי) סעקרעטאַר — מרדכי קיפּמאַן (בלאָק).

דאָס פּרעזידיום איז שוין צוגעטרעטען צו דער צוגרייטונגס-אַרבּייט, וואס איז פערבינדען מיט די וואהלען צום 20 טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

100 טויזענד זלאָטעס אויף פונאנדערבויען די וואָסערלייטונגס - נעץ.

דער אָרבּייטס פאָנד האט אנערקענט דער טשענסטאָכאָווער גמינע א הלואה פון 96 טויזענד זלאָטעס אויף פונאנדערצובויען די קאַנאַליזאַציע און וואָסערלייטונגס-נעץ, הויפּטזעכליך אויף די פעריפעריעס, וואו ס'איז ביז-איצט קיין וואָסערלייטונג נישטאָ.

לאָסען צו דער 1 קלאַס 39 לאָטעריע
זענען שוין צו בעקומען
אין דער בעקאַנטער קאָלעקטור
J. WEKSLER
I-a ALEJA 6.
נישט איינער איז שוין דורך אונזער
קאָלעקטור רייך געוואָרען!
די ציהונג הויבט זיך אָן דעם 22 ד. ח.
פערשפעטיגט נישט!

מען דאַרף איבערמאַלעווען די שילדען...

קליינער פעליעטאָן

— אוווא, הייס, עפּעס אפּריקא איז דאָ אַראָבּגעקומען קיין פּוילען-אָט מיט אזא מענה-לשון איז אַריין צו מיר מיין שכן גרונם פלכיאל, פּראַכענדיג דערביי ווי א גאַנז און ווישט פון זיך דעם שוויס.

זעצט זיך—זאג איך צו מיין פּערשוויצטען שכן—אָט דאָ אָ ביים פענסטער, קאנט איהר זיך אָביסעל אָבקיהלען.

— קיהלען, שטילען-חזרט מיין שכן מיר איבער מיינע ווערטער—איהר מיינט טאַקי, אז דאס גרעסטע אומגליק זענען שוין די היצען, א נעכטיגער טאג. איך, ווען ס'וואָלט זיך געזאָנדען אין מיר וואָלט איך אפילו קיין טענה נישט געהאט צו די היצען אויך, אדרבה, איך האַלט, אז ס'איז גאָר א נאַטירליכע זאך, וואס אין איירָאפּא ווערט וואס אמאל אלץ מעהר אריינגעפיהרט דער אַזיאַטישער קלימאַט. די צרה איז אָבער —זאגט ווייטער מיין שכן—וואס די היצען ווירקען אויף מיין ווייב, וועלכע האלט כסדר אין איין רעדען פון דער היץ.

וואס—זאג איך-אייער ווייב רעדט פון דער היץ, זי איז חלילה נישט געזונד, טאָ פאַר וואס דופט איהר נישט קיין דאָקטאָר, פּארוואס — — —

— דערשרעקט אייך נישט-רייסט מיר מיין שכן איבער די רייד—מיין ווייב איז געזונד ווי א ניס, און זי האט איבערהויפּט נישט קיין היץ. זי רעדט נאָר בלויז פון די היצען, וועלכע זענען לעצטענס ביי אונז אַזעלכע גרויסע, און דאס, זאגט זי, פערשווארצט איהר דאס לעבען, זי קאָן דאס פנים נישט ווייזען אין דער גאס אריין, ווייל, אלע שכנ'טעס האבען שוין געדינגען דירות אויף זומער וואוינונגען, ווער אין בלאָכאָווניע, ווער אין כנשאָנסטעוו, די שכנ'טע טשיפּצ פון צווייטען שטאָק בעריהמט זיך אפילו, אז זי האט געדינגען א וואוינונג אין אוסטראָן און נאָ' זי מיין ווייב, איז אזוי אומגליקליך, אז זי האט נישט קיין פּיצעל דירה, אזוי אז איהר פנים פלאַמט איהר פאַר ח־פּה, זי קאָן זיך פאר קיין שכנ'טע נישט בעווייזען, איז אָט, דאס וואס מיין ווייב—זאגט ווייטער מיין שכן-האלט מיך אין איין יאָדען. אין איין בעקלאָגען זיך אויף איהר פינסטערען גורל, אָט דאָס איז מיר מקצר מיינע יאָזרען, מאָכט מיך גראָה און אַלט, אזוי אז א שוויס בעדעקט מיך.

— דינגט מען איהר א דירה-רופט איך מיך אָב צו מיין שכן-יעדעס יאהר האט איהר דאָך די זעלבע חתונה, אייער ווייב פּייניגט אייך וועגען א זומער-וואוינונג, איהר ווילט נישט און סוף כל סוף בלייבט דאָך אזוי, ווי אייער ווייב זאגט, טאָ וואס דאַרפט איהר זיך צושטערען דעם שלום בית אויב איהר ווייסט, אז עס וועט אייך סיי-ווי סיי נישט מיידען.

— אָט דאס איז דאָך די זאך-צושרייט זיך אויף מיר מיין שכן, וואס מיר לעבען אין א פאַלשער וועלט, אז קיינער וויל נישט אויסזאגען דאס, וואס קוועטשט איהם, אלע מיינע שכנים, וועלכע דינגען די דירות מיט בעקוועמליכקייטען זענען זיי דען דאס אימשטאנד, נאָר גאַרנישט, מען שטעלט זיך ארויס א שילד, מען מאכט דעם אָנשטעל פון א גרויסען פּריץ און פּאַקטיש איז א ווי בּ־אָך צו די יאָהרען.

— שוין, א סוף,—זאג איך צו מיין שכן,—לויט דער נייער פּעראָרדנונג, וואס איז ארויס, וועט מען שוין נישט קאָנען ארויסהענגען קיין שילדען, אינדערצייט, ווען אין דער קראָם וועט מען נישט האבען די געהעריגע סחורה, וואס מען גיט אָב אויף דער שילד. הייגט, אז די וועסט איפּגעבען אויף דער שילד נישט דאס, וואס די האָסט אין דער קראָם, וועסטו בעשטראָפט ווערען מיט טויזענד זלאָטעס אָדער מיט 14 טעג אַרעסט און דער סוף וועט זיין, אז מען וועט דיר אויך איבערהויפּט אוועקנעמען די קאָנצעסיע צו האנדלען. באלד נעם איך א־ויס די ציימונג און ווייז איהם שוואַרץ אויף ווייס די פּעראָרדנונג, וואס איז פּערזעהן מיט'ן אַרטיקעל 33 פון אינדוסטריע-געזעץ און אויב אזוי—זאג איך ווייטער צו מיין שכן—קאָנט איהר דאָך אויסנוצען די פּעראָרדנונג און זאגען אייער ווייב ברח' בתך אזוי און אזוי. דער טייסטער איז ליידיג, די קראָם איז פוסטן טאָר א־ך נישט ארויסהענגען א שילד, אז איך פּערמאָג געלד און קאָן זיך פערגינען צו דינגען דירות אויף לעטניסקע.

— כא-כא כא-צולאַכט זיך מיין שכן —איהר זענט א שרייבער און זענט נאָך אזוי נאאיוו. איהר מיינט טאָקי, אז די פּעראָרדנונג וועגען איבערמאַלעווען די שילדען וועט האבען א ממשות, א בעדייטונג אין לעבען, איהר שאצט נישט אָב די וועלט-גיט מיר מיין שכן צו פּערשטעהן. ווען אָט די פּעראָרדנונג זאָל ווירקליך אַריין אין קראַפט, וואָלט דאָך געמוזט געענדערט ווערען די סדרי-בראשית, די וועלט וואָלט קיין וועלט נישט געווען, מלוכות וואָלטען אינטערגעגאנגען, מיט איין וואָרט—ס'וואָלט געווען אויס וועלט.

ווען איך האָב נישט פּערשטאַנען, וואס מיין שכן מיינט דערמיט, האט ער עס מיר געגעבען צו פּערשטעהן פּאַ דראַבּנעמו.

— אדרבה—ערקלערט מיין שכן—איך וועל אייך ברענגען עטליכע ביישפּילען און איהר וועט אליין זעהן, אז די פּעראָרדנונג וועגען איבערמאַלעווען די שילדען איז נישט אויספיהרבאַר.

נעמען מיר די פעלקער-ליגע און גיט א קוק, אויף דער שילד שטעהט אָנגעשריבען: אז אַלע סכסוכים, וועלכע קומען פאַר צווישען מלוכות, מוזען ערלעדיגט ווער'ען נישט דורך מלחמות, נאָר דורך א געריכט, וואס ווערט בעשטימט דורך דער פעלקער-ליגע. נו, א'ז עס פּאָקטיש אזוי? אַביסיניען קאָן שווערען ביי באָרד און פּאות, אז עס איז אַביסעל אַנדערש. דאס זעלבע איז מיט'ן שוץ פּאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, וואס געפינט זיך אויף דער זעלבער שילד. נו, איז די סחורה פּערהאנען אין דער קראָם פון דער פעלקער ליגע? אַט אזעלכע און נאָך אנדערע רעקלאַמע-ארטיקלען געפינען זיך אויף דער שילד פון דער פעלקער-ליגע און פאַקטיש איז אין דער קראָם נישט פערהאנען קיין זכר פון דעם אַלעם.

אָט העגגט א שילד מיט'ן הויך-קלינגענדיגען נאָמען: ענטוואָפענונג—דאס הייסט, אז עס זאָל מקוים ווערען דער פסוק פון נביא: ולא ישא גוי אל גוי חרב, אז עס זאָלען מעהר נישט זיין קיין מלחמות, און אדרבה, זייט מוחל, הויבט אויף דעם שלייער און קוקט אַריין אין דער דאָזיגער ענטוואָפענונגס-קראָם, וועט אייך דער קאָפּ שווינדלען, זעהענדיג מיט וואס פאַר א טעמפּאָ מען גרייט צו נייע כליי משחיתים פאר דער נייער מלחמה

ענגלאַנד האט ארויסגעשטעלט א שילד מיט'ן נאָמען באַלפור-דעקלאַראַציע—שאַפען אין ארץ ישראל א נאציאָנאַלע היים פאר'ן יודישען פאָלק. נו, איז דען דאס נישט אָבגענאַרט די קונים?

די פּעראָרדנונג פון שחיטה גזירה האט אַרויסגעהאָנגען א שילד מיט א גרויסען אויפשריפט: הומאַניטאַר, און פאָקטיש איז אין דער דאָזיגער שחיטה-קראָם נישט פערהאנען קיין אנצייכנונג פון דעם דאָזיגען מין.

היטלער האט אויפגעשריבען אויף זיין שילד דאס וואָרט שלום, אז ער איז אויסען נאָר פרידען, און פאַקטיש, נו, אדרבה, זייט א בעלן און מאכט א רעוויזיע אין דעם געשעפט פון דייטשען רייך, צו וועט איהר כאָטש דאָרט געפונען א צייכען פון אָט דער דאָזיגער סחורה.

אונזערע היימישע אנטיסעמיטען, האַלטען אין איין שרייבען אויף זייערע שילדען, אז זיי זענען חס ושלום נישט קיין אנטיסעמיטען, אז זיי ווילען יודען ארויסטרייבען נאָר צוליב זייער פּאַטריאָטיזם צו דער מלוכה און פאַקטיש, ווי זעהט אויס די זאך?...

נעמט אפילו אונזערע כלל-טהוער און פערזאָרגער, וועלכע טראגען זיך ארום מיט א שילד, אויף וועלכער ס'איז אויפגעשריבען: רחמנות, צער בעלי חיים און פאקטיש וועט איהר ביי זיי דאס נישט געפינען, וואס א שמעק טאַבּאַק איז ווערט.

קריכט אַרום איבער דער וועלט, לעזט אַדורך אַלערליי שילדען, וואס מענשען, חברות, אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטען שרייבען אויף און ווייזט מיר כאָטש צעהן פּראָצענט פון זיי, וועלכע זאָלען ענטהאלטען דאס, וואס זיי פערמאגען באמת. קומט איהר צוגעהן—פערענדיגט מיט חוזק מיין שכן—און ווילט מיר איינרעדען, אז פון איצט אָן וועט מען מוזען אנשרייבען אויף די שילדען דעם ריינעם אמת?! היה לא תהיה, עס איז נישט געווען און עס וועט נישט זיין—עולם כמנהגו נוהג, אזוי איז געווען און אזוי וועט ווייטער זיין, ווארום א שעהן פנים וואָלט די וועלט געהאט, ווען מען זאָל בעדאַרפען איצט איבערמאָלעווען די שילדען...

כ'האָב אריינגעטראַכט אין די רייד פון מיין שכן און בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ער האט רעכט, און ווען עס זאָל ווירקליך ארויס א גזירה וועגען איבערמאָלעווען די שילדען, וועט עס אויך נישט זיין קיין סגולה צו דערגעהן דעם אמת. מען וועט שטענדיג שוין אזוי מאכען, אז די שילד זאָל בלייבען אין אָרדנונג, אפילו ווען זי וועט זיין איבערמאָלעוועט...

סמאל

די קונסט פון רעגירען

פון לעא קעניג

די פראַנצויזישע קעניגין מאַריע אַנטואַנעטע איז געווען א שלעכטע פּאָליטיקערין, אַ נאַאיווע פרוי, וואס האט נישט אנגעהויבן צו פערשטעהן די פּסיכאָלאָגיע און די נויטען פון „איהר פאָלק"; ווען מען האט איהר געזאָגט, אז דאס פאָלק האט קיין ברויט נישט, האָט זי נאַאיוו געפרעגט, אז דאס פאָלק זאָל עסען לעקעך.

ווען זי וואָלט אָבער געווען אַ קלוגע הערשערין און פערשטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסען, וואָלט איהר עצה געווען:

דאס פאָלק האט קיין ברויט נישט, טאָ מאַכט גרויסע פאָלקס ימים טובים און פּאַראַדען.

און עס וואָלט געהאָלפען: זי וואָלט זיך אפשר געראַטעוועט פון דער גילאָטין.

ברויט אָדער קולט — וועלכער פאַקטאָר ווירקט און בעוועגט די גרויסע מאַסען?

זיכער אָבער איז, אַז פון צוויי פּאַרטייען אָדער פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס, וועט געווינען נישט דווקא די, וואס וועט געבען אָדער צוזאָגען מעהר ברויט פאר די מאַסען, נאָר די, וואס וועט זיי געבען מעהר ימים טובים, פּאַראַדען, סימבאָלען און קולטען.

מיר ווייסען עס פון ביטערע ערפאהרונגען: די יונגע דייטשע רעפּובליק (עליה השלום) און די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האבען נישט גוט פערשטאַנען די גרויסע קונסט פון רעגירען — זיי האָבען נישט געגעבען די דייטשע פאָלקס-מאַסען קיין נאַציאָנאַלע ימים טובים און פּאַראַדען, זענען געקומען די נאַציס און פערכאַפּט דאָס פערחלש'טע הארץ פון דעם דייטשען פאָלק מיט... פּאַראַדען, אוניפאָרמען, פעהנער און אנדערע קולטען, און זיי האבען געזיגט.

„דאס פאָלק האט קיין ברויט, טאָ מאַך א פאָלקס יום-טוב און לאָזען זיי טאַנצען אין די גאַסען" — אָט דעם עלעמענטאַר-פּרימיטיווען גרונד-מאָטיוו אין דער פּסיכאָלאָגיע פון יעדער מאַסע, פערגעסען אָפט די מאָדערנע דעמאָקראַטישע רעגירונגען און פּאַרטייען.

אָבער די היינטיגע דיקטאַטאָרען קענען ווייזט אויס גוט (אויב נישט עפּעס מעהר) אָט דעם פּסיכאָלאָגישען אלף בית.

זיי האבען געזיגט, אַ דאַנק די מאַסען פּאַראַדען, מונדירען און סימבאָלען מיט וועלכע זיי האבען בעצירט און בעהאַנגען זייער שענדליכע גייסטיגע אָרימקייט.

און זיי זענען גרויסע צערעמאָניע-מייסטער: ווי נאָר זיי דערפילען אַז זייערע פעלקער ווערען אונרוהיג און הויבען אָן מאהנען ברויט, אַזוי באַלד פעראַנשטאַלטען זיי אָט די גרויסע פּאַראַדען מיט פאָהנען און טרומייטערס און „דאָס גרויסע קינד" פערשפּילט זיך מיט דער בלישטשענדער צאַצקע און הויבט אָן ווידער לאַכען פון טרעהרען,

און דוכט זיך אייך נישט, צום ביישפּיעל, אַז דער פעלקער-בונד איז איצט אַזאַ טראַגישער דורכפאַל, ווייל זיינע גרויסע אַפּאָסטאָלען האבען נישט פערשטאַנען ווי אַזוי און אין וועלכע פאָרמען, אָט די גרויסע אידעע איינצופלאַנצען אין דער פאַנטאַזיע און אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די גרויסע און קליינע פעלקער מאַסען.

א בונד פון אַלע פעלקער — וואָס מאַר א פראַכט-פולער אַלטער און אייביג נייער אידעאַל, און דאָך האבען די מאָדערנע בעגייער פון דעם אידעאַל — די ווילסאָנס, סעסילס, בריאַנס און גילבערט מאַרעיס נישט פערשטאַנען, אָדער פערגעסען צו שאַפען נייע פאָרמען און עמבלעמען פאר דעם פעלקער-בונד. דער פעלקער-בונד האט קיין אייגענע פאהן נישט, קיין אייגענע עמבלעמס. עס איז נישטאָ קיין איין פעלקער בונד טאָג, וואָס זאָל געפייערט ווערען אין אַלע לענדער דורך אַלע פעלקער. בלויז קאָנפערענצען.

וואָלטען די הערשענדע רעליגיעס געהאַט אַזאַ אַנהאַלט אויף דער מענשהייט דורך טויזענדער יאָהרען ווען נישט זייערע קולטען, סימבאָלען און ימים טובים.

עס וועט אפשר אַמאָל קומען אַ צייט (ווער ווייסט?) ווען די מענשהייט וועט ווערען דערוואַקסען און זי וועט זיך בעגעהן בלויז מיט איהרע נביאים גרויסע טעאָרעטיקער, פילאָזאָפען און געלעהרטע — מיט די שאַפער פון אַלע רעליגיעס, אידעאָלאָגיעס און וועלט-אַנשויאונגען, אָבער לעת עתה, שפּילען נאָך אַלץ די ערשטע פידעל אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די פעלקער די כהנים — די שאַפער און אויסהאַלטער פון פערשידענע קולטען, סימבאָלען און ימים טובים.

אָהן די פערשידענע הונדערטער מיסטישע און מיסטיפיצירטע קולטען, וואָלט קיין רעליגיע זיך נישט אויפגעהאַלטען. און קיין סאָציאַל פּאָליטישע אידעאָלאָגיע, ווי ראַציאָנעל און קאָנסטרוקטיוו זי זאָל נישט זיין, קען לאַנג נישט צוהאַלטען די גרויסע מאַסען, ווען זיי שאַפען אויך נישט קיין נייע פאָרמען און קולטען.

פּונקט ווי אַמאָל שרייען נאָך איצט די גרויסע פעלקער: „שים לנו מלך" — גיט אונז פאָרמען, פּאַראַדען און ימים טובים!

און מענען די געציילטע ניכטערע קעפּ און דערוואַקסענע יחידים מענה'ן צו די פעלקער: די סימבאָלען, אַזוי פאָרמען שלינגען ביסלעכווייז איין די גרויסע עטישע אינהאַלטען, וואָס זיי בעצירען — די פעלקער ווילען עס אָבער נישט הערען און שרייען: גיב אונז פאָרמען און קולטען!

אָט וואונדערן זיך איצט ניכטערע מוחות פערזאָרגט, פאַרוואָס אויך אין דעם היינטיגען רוסלאַנד האבען זיך אָנגעהויבען מעהרען אַזוי פיעל קולטען און פּאַראַדען פון דער רוסישער רעוואָלוציע פערשטעהט אַזוי גוט די גרויסע קונסט פון רעגירונג; אַז נישט

אויף ברויט אַליין לעבט א מענש, נאָר עס דאַרף אויך קולטען און פּאַראַדען מיט וועלכע צו שפּילען זיך.

און עס איז אפשר פון ענטשיידענדער וויכטיגקייט, וואָס אויך די היינטיגע אַלטמאָדישע דעמאָקראַטישע לענדער האבען אייפגעוואַכט צום בעוואוסטזיין, אַז מען דאַרף זייערע פעלקער געבען וואָס מעהר און וואָס גרעסערע נאַציאָנאַלע ימים טובים און פּאַראַדען, ווייל זייערע מאַסען האבען מיט צו גרויסער בענקשאַפט אָנגעהויבען לעצטענס זיך צוצוקוקען, צוצוהערען צו די ימים טובים און פּאַראַדען אין די פאַשיסטישע לענדער.

אונזער פערטיידיגונגס-קאַמף.

דער פערטיידיגער פון כאַסקלעוויטש'ן, האַניגוויל, האט מסתם נישט געוואוסט, אַז די ציוויל-מאַהנערס, און מיט זיי די פּוילישע עפענטליכקייט, קלויבען זיך אַריבערוואַרפען די שולד פונ'ם האַלב - משוגענעם קאַלושינער יודעל אויפ'ן כלל ישראל, זוכענדיג אַרויסצוציהען דערפון א מסקנא, אַז יודען בכלל זענען נישט קיין פריינד פון דער פּוילישער אַרמעע.

וואָלט ער, דער אַדוואָקאַט עס פאַרגעזעהען, וואָלט ער דאָך געהאַט אַנ- עצה פעסטצושטעלען דעם היפוך דערפון: ער וואָלט געדאַרפט די אַלע יודישע אולאַנער, וואָס זענען אויפגעטרעטען, ווי עדות, אויסזאָגען נישט בלויז וועגען דער בעציהונג פונ'ם אומגעקומענעם וואַכמייסטער בויאַק צו יודען, נאָר אויך פערקעהרט, וועגען דער בעציהונג פון יודען צום מיליטער.

אָבער סיי-ווי האָבען מיר פון אָט די אַלע יודישע (און אויך פון די קריסטליכע) זעלנערס געהערט אין איין קול, אַז אין מיליטער איז נישטאָ קיין חילוק צווישען רעליגיע און נאַציע. נישטאָ איז נישטאָ, ביי קיינעם נישטאָ, נישט אויבען און נישט אונטען, אויב ס'וואָלט געווען א חילוק, וואָלטען יודען זיך מסתם אויסגעצייכענט צום בעסערען, ווייל מיליטער איז קודם כל קאַזאַרמע, חברותא, דיסציפּלין, אויך שולע, הבנה — צו אָט דעם אַלעמען איז בעסער, ווען מ'פערמאָגט אינטעליגענץ, ראַפינירטקייט, און דאס האט דער שטאָדטישער מענש מעהר פאר'ן דאָרפישען. אָבער מיר בעריהמען זיך נישט דערמיט, פאָדערען נישט קיין פּריווילעגיעס, זענען צופרידען און שטאָלץ ווען מ'שטעלט פעסט אונזער גלייכקייט.

און דאס איז אויפ'ן פּראָצעס געטהון געוואָרען אין אַ גענוגענדער מאָס, קיינער פון די צדדים, נישט די ריכטערס, נישט דער פּראָקוראָר, נישט די די ציוויל-מאַהנערס אפילו האבען נישט געפּרובט אריינוואַרפען דעם מינדעסטען ספק אינ'ם עדות-זאָגען פון די יודישע זעלנערס, וועלכע זענען דעריבער געבליבען בעגלויבט אין די פּולע הונדערט פּראָצענט.

פאַרוואָסזשע האט פאַרט כאַסקלעוויטש דער'הרג'עט בויאַק'ן?

אין קאַזאַרמע, ווי אין יעדער שולע, ווי אין לעבען בכלל, זענען פאַרהאַן עקזעמפּלאַרען בעסערע און ערגערע. דער גרעסטער טייל מענשען לעבען

אָב א גאַנצען לעבען און פאַלען קיינמאָל נישט אריין אין דער פּאָליציאַיישער אָדער קרימינאַליסטישער כראָניק. פון זייערע וועגען וואָלט מען געדאַרפט פּאָליציי בלויז אויף רעגולירען די בעוועגונג און אויף אַנדערע אַזוינע פונקציעס. און דאָך מוזען די מלוכות פערשטאַרקען אַלץ מעהר די אינעווייניגסטע שמירה און געשלעגען מיט בלוט פערגיסונגען זענען מעשים בכל יום. דאס אַליין צוליעב דעם הייפּעלע אומרוהיגע און נישט-דיסציפּלינירטע בירגערס, וואס קאָנען זיך אַליין נישט קאָנטראָלירען.

אויך אין שולע זענען פאַרהאַן תלמידים בעסערע, פעהיגערע, בעוואוסטזיניגערע און פערהאַן טעמפּע, שלעכטע, מומטומס.

פון אָט דעם ערגערען מין איז געווען כאַסקלעוויטש — וועגען דעם האָבען עדות געזאָגט אַלע זיינע חברים. ער איז אָבער אַפּנים געווען דער ערגסטער פונ'ם דאָזיגען מין, וואָרום ער האט זיין רשעות און נקמה געפיהל געטראָגען אין האַרצען א סך יאָהרען שפּעטער און לסוף עס אויסגעלאָדען אין א ווילדען בלוטיגען רציחה אַקט.

איז אָבער די מאָדערנע קרימינאָלאָגיע זיך נוהג, ביים בעהאַנדלען אַ פערברעך, נישט אָבשטעלען זיך אויף דער פערזאָן פונ'ם פערברעכער אַליין, נאָר זוכען די סיבות פון זיין אנדערשקייט און ערגערקייט — דאס ווערט געטהון צוליעב צוויי טעמים, ערשטענס כדי צו קאָנען מילדערן די אָבשאַצונג, אַרויפצוואַרפען א טייל פון דער שולד אויף די זייטיגע גורמים און סיבות פונ'ם פערברעך, און שנית כדי צו זוכען דורך אָט דעם פאַקט אַ טובה און נוצען פונ'ם כלל, צו בעזייטיגען די סיבות און בעסערען די געזעלשאַפט. למשל:

חברים זיצען זונטאַג אין א מסיבה און לאָזען זיך וואוילגעהן ביי א גלעזעל משקה. ענטשטעהט פּלוצים א סכסוך איבער א קלייניגקייט, פון סכסוך ווערט א געשלעג, און איינער פון דער חברה בלייבט ליגען אין א קאַלוזשע בלוט מיט א מעסער אין זייט.

דאַרף דאָך די גערעכטיגקייט אין פלוג זיך בעגעהן מיט'ן פערברעכער זעהר האַרב: נפש תחת נפש. אָבער דאָ הויבט מען אָן צו זוכען די סיבות און מ'געפינט זיי אין דער נאָהענט. ס'ווייזט זיך אַרויס, אז דער חברה מאַן איז גאָר אַנ'אַלקאָהאָליקער און אָט האט דעם חסרון איבערגענומען בירושה פון זיינע זיידעס נאָך פון דער צייט פון זייער לייב אייגענשאַפט. ער האט אויך אַליין אין דער שולע נישט בעקומען קיין גענוגענדע ערציהונג אין פרט פון בעהערשען זיין יצר הרע און אַכטען דעם חבר'ס לעבען און פערמעגען, אויך די סאָציאַלע פערהעלטנישען אינ'ם דאָזיגען אָרט זענען נישט בעפרידיגענדיג, מענשען האָרעווען שווער און ביטער די גאַנצע וואָך, און טאָמער האבען זיי א פרייע שעה, פערווילען זיי זיך נישט אין גייסטיגער דערהויבונג, ווי לייענען ביכער נאָר אין ביטערען טרונק—אַמאָל

וואַרפט מען אַרויף די שולד אויף די שונד ספּעקטאַקלען פון קינאָ, וואס ווייזען שלעכטע מוסטערען.

און אין רעזולטאַט קומט אַרויס די שולד פונ'ם פערברעכער שוין נישט אַזוי גרויס און מ'הויבט אָן אויך טראַכטען מכוח רעפאָרמירען די געזעלשאַפטליכע פערהעלטנישען.

די ציוויל-מאַהנערס פונ'ם כאַסקלעוויטש פּראָצעס, צוזאַמען מיט א געוויסען טייל פון דער פּוילישער עפענטליכקייט, האבען די דאָזיגע מאָדערנע און פּראָגרעסיווע קרימינאַלאָגיע געוואָלט אויסנוצען, כדי איהר צו פערקריפּלען, פערוואַנדלען איהר אין א געצייג פאר זייערע אַנטיסעמיטישע פניות, געטרוי לויט המנ'ס סיסטעם: נישט מרדכי אַליין איז שולדיג, נאָר דאס גאַנצע יודישע פאָלק, דעריבער איז „יכתב לאבדם", אָבער קודם כל איז ער געלאָפען צום מלך מיט דער פאָדערונג אויפצוהענגען מרדכי'ן אויפ'ן בוים פון פופציג איילען...

אָבער די מאָדערנע קרימינאָלאָגיע האט אויסגעפונען, אויך די פּסיכיאַטרישע עקספּערטיזע פונ'ם פערברעכער, וועלכע איז אינ'ם דאָזיגען פּראָצעס אדורכגעפיהרט געוואָרען אין דער פּולער ברייט, א גאַנץ קיילעכדיג יאָהר האט זיך געצויגען די פּרעווענץ-אויספאָרשונג, און א גאַנצע רייהע מעדיצינער האבען געהאַט די מעגליכקייט צו אָבסערווירען דעם פיזישען און גייסטיגען צושטאַנד פונ'ם אנגעקלאַגטען, און די דאָזיגע עקספּערטיזע איז טאַקע געקומען צו אַנ'איינשטימיגער אָבשאַצונג, וועגען זיין דעפעקטיווער פּסיכיק.

נאָר די ציוויל מאַהנערס, צוזאַמען מיט'ן „געוויסען" טייל פון דער פּוילישער עפענטליכקייט האבען אָט דער אויטאָריטעטער וויסענשאַפטליכער אָבשאַצונג געשענקט נול אויפמערק ווייל זי האט נישט געשטימט מיט'ן הויפּט-ציל פון זייער קאַמפּאַניע, אַרום דער סימבאָלישער זלאָטע, צו געבען אונז, יודען א טאָפּעלטען קלאַפּ—א פיזישען און א מאָראַלישען—און דעם אַנגעקלאַגטען אַליין אויסמעסטען די העכסטע מאָס פון אחריות און שטראָף, און מאַכען די יודישע סביבה מיט אחריות'דיג פאַר'ן פערברעך.

מיר, יודען, האבען נישט געוואוסט, אַז יענער צד האט בדעה אוועקצוזעצען אונז אַלע אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק, מיר האבען געמיינט, אַז דער כלל איז שוין אָבגעקומען, מיט'ן פאַראַיאָהריגען מינסקער פּאָגראָם, האבען געהאַלטען פאַר צוועקמעסיג נישט אויפצוועקען יענע וואונד, נישט צו פערבינדען דעם כלל מיט'ן פרט און האבען קיין פערטיידיגונג קאַמפּאַניע נישט צוגעגרייט.

ערשט אויף מאָרגען נאָכ'ן פּראָצעס, ווען די קאַמפּאַניע איז אריבער פון די ציוויל-מאַהנערס אויף די עמודים פון דער פּוילישער פּרעסע, האבען מיר דערשפּירט מיט וואס ס'שמעקט.

מיט אָט דעם פּרעסע אַנטיסעמיטיזם, וואס טינקט זיינע פעדער-שפּיצען אינ'ם גיפט פון דער יוריסטישער יודען-שנאה, וועלען מיר איצט מוזען אויפנעהמען דעם קאַמף, דעם אנגעצוואונגענעם פערטיידיגונגס קאַמף. פ. ק.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

מען זאָרגט וועגען עסטעטיק...

צי זעהט איהר ווי די הייזער פון דער שטאָדט ווערען אָבגעווייסט? דאס זאָרגט מען אַזוי שטאַרק פאַר דער עסטעטיק פון דער שטאָדט און כדי דער אויסזעהן פון די הייזער זאָל זיין גאָר שעהן, האט מען בעפויהלען, אַז אַלע הייזער זאָלען האבען איין קאָליר:—ווייס.

און באמת איז ווייס א שעהנע קאָליר, עס ווערט ליכטיג אין די אויגען; איבערהויפּט איז ווייס נאָהנט צום אויסדרוק ווייסען, וויסען איז ווידער א נאָהנטער מחותן מיט קולטור, וויסענשאַפט, פּראָגרעס, ציוויליזאַציע, טעכניק, ערפינדונגען אַזוי. אַזוי.

ווי איהר זעהט, האָבען מיר זיך נישט צו שעמען מיט אונזער שטאָדט, זי שניידט זיך אויף א וועג און וועט מיט גאָט'ס הילף זיין מיט לייטען גלייך, נאָר—אהא, עס איז שוין דאָ א „נאָר", טאָ זאָל מען טאַקי א קוק טהון, וואס דער „נאָר" בעדייט: נאָר, איז משמע,

אַז וואס קומט אַרויס, דאס בלויז די הייזער זענען אָבגעווייסט, אינדערצייט, ווען די מענשען, וועלכע וואוינען אין די הייזער, זענען נאָך שוואַרץ אָדער פערשוואַרצט. אָט זעהט איהר, ווען ס'וואָלט געלונגען דער מוניציפּאַליטעט אָבצווייסען די שוואַרצע מחשבות. וועלכע געפינען זיך אין די מחות פון א סך בירגער, וואָלט זי באמת זיך געקאָנט בעריהמען מיט איהר אויפטהו. דערווייל אָבער האַלט עס נאָר קוים בלויז ביי די הייזער, ווייל דאָ האַנדעלט זיך דאָך נישט וועגען א גרינדליכען רעמאָנט פון דער מענשליכער נשמה, וועלכע איז לעצטענס ליידער פערווילדעט געוואָרען און פערוואַקסען מיט גיפטיגע באַצילען, איצטער שמועסט מען בלויז פון די הייזער—פון די מויערען ווייל מען בעזייטיגען די נגעים; די נגע צרעת אָבער, וואס האט זיך אריינגעכאַפּט אין די מענשען, היילט מען נישט, נאָר פערקעהרט, ס'זענען פערהאַן אַזעלכע, וואס ענטוויקלען זי מעהר און זאָרגען דערפאַר, אַז די נגע זאָל וואַקסען און פערשפּרייטען איהר גיפט ווייט און ברייט...

יאָ, דער אויסערליכער אויסזעהן פון דער שטאָדט מוז זיין שעהן, עפּעס אַ קלייניגקייט? מען זאָרגט דאָך וועגען עסטעטיק...

אָט אַזוי איז דאס געווען...

עס זאָל קיינעם נישט איינפאַלען צו טראַכטען, אַז יודען באָיקאָטירען חס ושלום קריסטליכע געשעפטען. ווער עס טראַכט אַזוי, דער האט א טעות. אויב איהר ווילט דווקא, קען איך אייך בעווייזען מיט פאַקטען, אַז גראַד לעצטענס ווערען קריסטליכע אונטערנעהמונגען מעהר אונטערשטיצט דורך יודען, ווי אַמאָל. דאס קאַנט איהר זיך איבערצייגען ביי די מאַרקאָווסקי'ן, וועלכע קאָן זיך פשוט נישט קיין עצה געבען מיט די יודישע קליענטקעס, וועלכע האַלטען אין איין לויפען צו איהר מיט ארבייט; דאָן אין דער „ווענעציע", וואו איהר וועט קיין אנדערע, אויסער יודען, נישט טרעפען אַזוי. אַזוי. נאָר מיט איין יודישער קונה'טע, און דאס א חסידישע פרוי, איז געשעהען א קוריאָז, וואס איז כדאי צו דערצעהלען.

יענע וואָך, שבת פערנאַכט בין השמשות, געהט א חסיד'ישע פרוי מיט א גרויסע טאָרבע עפּעל. פרעגט מען זי, ווי דער שטייגער איז פון „קומאָשקעס", וויפיעל האבען זי געצאָהלט פאַר עפּעל. רופט זיך אָב די פרוי: איך האָב געצאָהלט דריי זלאָטעס און געקויפט האָב איך זיי ביי וואָלאָשטשאַק'ן אויף רוג פּילסודסקי. פרעגט זי די פריינדין: אויב קויפען עפּעל, זענען דאָך דאָ אויך יודישע אָוואָצאַרניעס, וועלכע וועלען אויך גערן נעמען דריי זלאָטעס פאַר א קילאָ און מען דאַרף ערשט נישט האבען דעם חסד פון וו.. וועלכער איז אונזערס נישט קיין גוטער פריינד און האט זיך אויך בעטייליגט אין דעם בעריהמטען קאָראָוואַד דעם 9-טען מאַי. די קונה'טע זעהענדיג, אַז זי איז אריינגעפאַלען, האט אָנגעהויבען צו שטאַמלען און ענדליך אַרויסגעזאָגט: זי הערען דאָך, אָט אַזוי איז דאס געווען—און פּלאָנטערנדיג מיט די צונג, האט זי זיך ענדליך מודה געווען, אַז בעת זי איז געגאַנגען קויפען די עפּעל, איז נאָך געווען שבת, און די יודישע אָוואָצאַרניעס, וועלכע געפינען זיך אויף דער פּילסודסקא גאַס, זענען נאָך געווען פערמאַכט. דאס איז איינמאָל אַוועק. און ווידער אין די יודישע אָוואָצאַרניעס, וועלכע געפינען זיך אין די אַלעען און זענען אָפען שבת, האט זי נישט געוואָלט קויפען, ווייל זי איז פרום און האט נישט געוואָלט, אַז צוליעב איהר קילאָ עפּעל, זאָלען יודען חס ושלום מחלל שבת זיין.

איהר פערשטעהט? אָט אַזוי איז עס געווען...

א פעראיין פון געוועזענע...

אויף דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון סוחרים פעראיין זענען אין דער נייער פערוואַלטונג נישט אויסגעוועהלט געוואָרען אַזעלכע מיטגלידער, וועלכע זענען געזעסען אין דער פערוואַלטונג פון ערשטען טאָג אָן זינט דער סוחרים-פעראיין איז געגרינדעט געוואָרען, דאס איז א קיימא לן פון עטליכע צוואַנציג יאָהר.

ס'פערשטעהט זיך, אַז די פערביטערונג פון די דורכגעפאַלענע איז

אינזש. סטאניסלאוו פושיסוסקער

צו זיין 15-יעהריגען יובל אלס דירעקטאר פון דער היעגער האנדווערקער-שולע

דעם 22 טען ד. ח. ווערט 15 יאהר זינט אינזש. פושיסוסקער האט איבערגענומען די לייטונג אין דער היגער האנדווערקער-שולע.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם דאזיגען יובל איז כדאי צו געבען א שטיקעל אבשאצונג פון דער פרוכטבארער טעטיגקייט פון דירעקטאר פושיסוסקער אויפ'ן געביעט פון דער האנדווערקער-שולע אין אונזער שטאדט.

אינזש. ס. פושיסוסקער איז געבוירען געווארען אין ווארשא אין יאהר 1888. נאכ'ן ענדיגען דאס דארטיגע גימנאזיום אין יאהר 1905 איז ער אוועק קיין דייטשלאנד, וואו ער האט בעזוכט דאס פאליטעכניקום און בעקומען אין 1910 א דיפלאם אלס אינזשיניער. פון 1910 ביז 1920 ארבייט ער אין דייטשלאנד און ערשט אין סטיטשען 1920 קומט אינזש. פושיסוסקער צוריק קיין ווארשא.

אין טשערוויעץ 1922 ווערט אינזש. פושיסוסקער אנגאזשירט אלס דירעקטאר אין דער היגער האנדווערקער-שולע.

די שולע האט זיך אין יענער צייט געפונען אין א שרעקליכען צושטאנד, זי האט זיך נאך נישט געהאט צוריקגעשטעלט פון די מלחמה יאהרען; די ווערקשטאטען זענען געווען פערנאכלעסיגט, די פרעקווענץ פון די שילער איז געווען א מינימאלע, דערפאר אבער זענען די חובות געווען זעהר גרויסע, די געביידע אבגעלאזט א. ד. גל.

אינזש. פושיסוסקער האט דעריבער געהאט זעהר א שווערע אויפגאבע — צוריקצושטעלען די שולע צו א געהעריגען מצב. גלייכצייטיג ארגאניזירט דיר. פושיסוסקער די אווענד-שולע פאר טערמינאטארען, אזוי אז פאקטיש קומט אויך יעצט פאר דער 15-יעהריגער יובל פון דער אווענד-שולע פאר לערניונגלעך ביי דער האנדווערקער שולע.

דיר. פושיסוסקער נעמט זיך צו דער ארבייט און מען מוז אנערקענען, אז א דאנק זיין ענערגיע, שטארקען ווילען און אלזייטיגע קאנטנישען איז איהם געלונגען אויפצושטעלען די שולע אויף א הויכער מדרגה, א דאנק וואס זי ווערט אין פערלויף פון א קורצער צייט אנערקענט אלס איינע פון די מוסטער-שולען אויף דעם געביעט אין פוילען. דערביי, מוז בעמערקט ווערען, אז הגם דער בודזשעט פון דער שולע בעטרעפט 60 טויזענד זל. א יאהר, און די יק"א גיט נאר 24 טויזענד זלאטעס יעהרליך און, ווי בעוואוסט, בעקומט די שולע די לעצטע יאהרען נישט מעהר קיין סובסידיעס פון מאגיסטראט און קהלה — דאך האט די שולע כמעט נישט קיין חובות; פערקעהרט, די שולע האט נאך אין משך פון דער צייט געמאכט פערשידענע אינוועסטיציעס, רעמאנטען א. ד. גל. אזוי, אז זי דעקט דעם גרעסטען טייל פון איהר בודזשעט פון אייגענער ארבייט.

דער רעזולטאט פון זיין 15-יעהריגער לייטונג איז: העכער 400 געענדיגטע שילער, און דערביי איז כדאי צו בעמערקען, אז ביז 80 פראצענט פון די געענדיגטע שילער פערבלייבען ביים פאך; אלע זענען בעשעפטיגט — ביי אייגענע ווערקשטאטען אדער אין פערשידענע פאבריקען. דאן אויך העכער 500 טערמינאטארען, וועלכע האבען געענדיגט די אווענד-שולע. פון רעגיסטער, וועלכען ס'פיהרט די שולע, ווייזט זיך ארויס, אז פון די געענדיגטע שילער איז נישט פערהאן קיין איין ארבייטסלאזער.

אין משך פון א סך יאהרען האט אויסער די צווי אבטיילונגען — האלץ און מעטאל — עגזיסטירט א דריטע, עלעקטרישע אבטיילונג.

איצט ווערט פראיעקטירט דורכ'ן דירעקטאר פושיסוסקער, אין צוזאמענהאנג מיט די נייע גזירות, איבערצובויען די שולע און זי צופאסען צו די איצטיגע מאדערנע בעדערפנישען.

מיר ווילען נישט חנפ'ענען דעם ה' פושיסוסקער, נאר ווען מען מאכט דעם סך הכול פון זיין 15 יעהריגער טעטיגקייט אין דער היגער האנדווערקער-שולע, מוז מען קומען צום בעשלוס, אז א דאנק זיין ענערגיע, פעראנטווארטליכקייט און מעהיגקייט, איז די האנדווערקער-שולע דער שטאלץ פון די היגע אינסטיטוציעס.

צום 15-יעהריגען יובל ווינשען מיר דעם דירעקטאר פושיסוסקער נאך לאנגע יאהרען פון פרוכטבארער ארבייט אויפ'ן געביעט פון פערוואנדלען אונזער יוגענד אין פראדוקטיווע עלעמענטען, וואס זאלען זיין עלול אויפצוגעמען דאס שווערע לעבען.

זאלען געשטארקט זיינע הענד, וועלכע טהוען גרויסע וויכטיגע ארבייט פאר די יודישע מאסען בכלל און פאר דער טשענסטאכאווער יוגענד בפרט.

ש. פראנק.

א. צייטלין

פאר און געגען א יודישער „מלוכה"

(סוף) (*

אנ'ענטשידענער, קאטעגארישער „ניין" אויף יעדען פרוב צו פערקלענערען ארץ-ישראל, דארף זיין אונזער ענטפער. אמת איז, אז דער ישוב ליידט אונגעהויער און וויל האבען רוה, כדי ער זאל קאנען ווייטער פיהרען זיין שטאלצען ווירדיגען קאמף פאר איינהאלטען זיך אין לאנד. „וועט זיין א יודישע מלוכה, וועט דאך הערשען אלענפאלס רוה ביי אונז, מיר וועלען דאך נישט אנפאלען אויף יודען, די לאגע וועט נארמאליזירט ווערען, עס וועט זיך ווייטער אנהויבען ענטוויקלען די שטאדט, דאס דארף דער האנדעל און אינדוסטריע. מיר קאנען נישט שטעהן שטענדיג מיט דער ביקס אין איין האנד". אזוי טענה'ט דער ישוב, וואס שטעהט אויף די פאדערשטע פאזיציעס; ער האט שוין פערגעסען, אז ווייט, ווייט, אין די לענדער פון גלות לעבען איבער די יודען יעדען טאג, יעדע מינוט די זעלבע טויט-שרעק, ווערען חרוב ונחרוב פון יעדען שלעכטען ווינטעל און האבען אפילו נישט קיין ביקס צו פערטיידיגען זיך. אמת, זייער פערטיידיגונג האט נישט קיין גרויסע ממשות, און אין ארץ ישראל האט עס אפטמאל א גרויסע ווירקונג. אבער דער איז דאך — דאס בעסטע פון גלות און פאר נישט טראכטען בלויז פאר דער בערוהיגונג, כדי זיך לייכטער מאכען דאס לעבען אין גלייכצייטיג פערגעסט ער וועגען דעם גרויסען אידעאל, וואס לייכט אונז אלע, די שוואכע אין גלות און די שטארקע אינ'ם לאנד. דער ישוב דארף אויך ברענגען א גרויסען קרבן — די מעגליכע פראספעריטי אין דער קליינער צאהל פון יודישע פונקטען — כדי מיט דער צייט און אפשר מיט יאהרען דערגרייכען א יודישע מלוכה, וואס זאל קאנען לעזען דעם יודישען פראבלעם. מיר האבען דאס רעכט צו פאדערען פון איהם, ווייל מיר האבען קיין ארץ ישראל געשיקט כסדר אלץ, וואס מעהר מיר האבען פערמאגט און וועלען עס אויך ווייטער טהון מעהר, ווי מיר קאנען, כדי איהם איינצוהאלטען און פערשטארקען. די שטים פונ'ם ישוב, וואס איז א בעדייטענדער פאקטאר ביים ענטשיידען דאס ארץ-ישראל-פראבלעם, קאן אבער נישט זיין שווה געגען דער שטים פון 14 מיליאן ברידער, וואס זענען צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט און וואס זעהען זייער צוקונפט צוזאמענגעבונדען מיט ארץ ישראל.

אויך דער לעצטער ארגומענט: עס וועט קומען רוה מצד די אראבער. וואו איז דער בעווייז, ווער קאן גאראנטירען, אז די אראבער וועלען מסכים זיין אויף דער פערטיילונג פון פאלעסטינא צווישען אראבער און יודען? דאס זענען השערות, אדער ביינזוויליג פערשפרייטע פאראויסזאגונגען, וועלכע שטיצען זיך נישט אויף קיין שום פאקטען. פערקעהרט, מיר זעהען, אז זייט די לעצטע אונרוהען, איז די פאליטישע טעטיגקייט פון די אראבער בסדר גרעסער און זייערע אנשויאונגען ראדיקאלער און אגרעסיווער. כמעט די גאנצע אראבישע בעפעלקערונג איז געגען דער שאפונג פון א יודישער מלוכה אין פאלעסטינא. דער אראבישער נאציאנאלער קאמיטעט מאביליזירט זיינע קרעפטען, פיהרט א געהעריגע אגיטאציע אין אלע צענטרען פון דער וועלט פאליטיק: אין גענף, לאנדאן און פאריז, און לעצטענס אויך אין אמעריקא. מען דארף אויך נישט פערגעסען, אז עס איז דא פריינד און געגנער פון אבדאללאה און קיינער פון זיי איז נישט קיין יודען פריינד; עגיפט און די ארומיגע לענדער עמאנציפירען זיך אלץ מעהר פון ענגלישען איינפלוס, טא פונוואנען נעמט זיך פלוצונג דער בעווייז פון א גוטער בעציהונג צו יודען און דערצו נאך צו א יודישער מלוכה, וואס דארף ענטשטעהען הארט נעבען זיי? אויך פון דער זייט איז נישטא קיין שום פערזיכערונג, אז די נייע „מלוכה" וועט אויפגענומען ווערען גוט ביי די אראבער און פון דעם אפשר ציהען די מסקנה, אז שפעטער וועט מען קאנען נאך ארויסבעקומען מעהר פאר איהר ענטוויקלונג?

טא וואס זאל מען טהון? ווי אזוי קאן מען זיך ענטגעגענשטעלען דער געהענדער סכנה? דאס איז יעצט די הויפט סכנה. נישט וועגען פאליטישע פערהאנדלונגען מיט די ענגלענדער אדער אראבער וועגען דער גרויס פון דער יודישער מלוכה, נאר וועגען אנ'-אויסוועג פון דעם טראגישען טאג-טעגליכען פלאנטער, האנדעלט עס זיך, וואס עס האבען פערוואוראכט די ענגלענדער מיט זייער בי-נאציאנאלער און דאך פרא-אראבישער פאליטיק, די אראבער מיט חיה'שער פאמיליען-אינטערעסען קריגעריי, און די יודען מיט זייער „הבלגה". דער עיקר טאר נישט צונויפגעמישט ווערען מיט טאקטיק, און זאל מען אונז נישט פרובירען איינרעדען, און צווינגען מיט דער ערקלערונג, אז די פראיעקטען פון דער ענגלישער קאמיסיע און רעגירונג זענען טאקטישע און בעדראהען נישט דעם אייביגען אידעאל פונ'ם יודישען פאלק.

נישט מסכים זיין אויף קיין שום קאמפראמיסען בנוגע דער טעריטאריע פון ארץ ישראל, פרובירען אפילו וועגען אבלעגען יעטוועדע פראיעקטען וועגען א יודישער „מלוכה", איבערלאזען אפילו די לאגע אין ארץ ישראל ווי זי איז איצט.

אבער נישט אונטערשרייבען און נישט געבען קיין שום הסכמה אויף „פארטישן". און אויב עס וועט אלץ איינס געשעהען, טא זאל כאטש פאר די צוקונפטיגע דורות אונזער געוויסען זיין ריין און קיינער זאל זיך נישט דערוועגען צו פערקלענערען די גרויסקייט פון אונזער אידעאל, וואס האט אונז געמאכט שענער און ליכטיגער דאס לעבען אין גלות און איינגעהאלטען אין דעם שווערען טאג-טעגליכען קאמף.

*) זעה „טש. צייטונג" נר. 24.

זעהר גרויס. היתכן? - שדייען זיי-פאר וואס איז דאס זיי געקומען, פאר וועלכע מעשים? און פערדריסליכער איז נאך דאס, וואס זייערע ערטער אין דער פערוואלטונג האבען פערנומען יונגע שנעקעס, וועלכע האבען נישט געפאקט און נישט געמאזעלט.

אין „הכנסת אורחים" איז געווען די זעלבע חתונה. מענשען, וועלכע זענען געווען די גרינדער און געהאלטען דעם „הכנסת אורחים" פאר זייער פאלווארק, זענען ביי דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג אינגאנצען נישט אויסגעוועהלט געווארען אי'ן דער פערוואלטונג, נאר פרישע, יונגע חברה, וועלכע—נו, זאל מען בעסער נישט רעדען, זענען גאר איצט געווארען די גאנצע קנאקערס.

אין דער נייער קהלה זענען אויך אזעלכע, וואס האבען געמיינט, אז די טשענסטאכאווער קהלה וועט אונטערגעהן, אויב זיי וועלען זי נישט אונטערהאלטען. אינגאנצען נישט אויסגעוועהלט געווארען און גארנישט, שא, שטיל, אלץ פיהרט זיך ווי געווען און אפשר, נישט אפשר, נאר טאקי בעסער, ווי אמאל.

כ'קאן אייך נאך אנווייזען אויף א רייהע געוועזענע, וועלכע דרעהען זיך ארום אהן א שטאך ארבייט, און זייערע שטערען ווערען אבגעבליהט נו, איז געבוירען געווארען א פראיעקט צו שאפען א פעראיין פון געוועזענע און דארט זאלען די אלע, וועלכע האבען פערלוירען זייער כסא המלוכה אין פערשידענע אינסטיטוציעס, בעקומען כבודים.

עס איז אויף זיי א גאטס רחמנות, א מענשליכער צער בעלי-חיים, זאלען זייערע פערבלאנדזשעטע נשמות דעריבער בעקומען א תיקון אין „פעראיין פון געוועזענע"...

זיי זאלען נישט וויסען פון דעם טעם...

די „תומכי עניים" פערוואלטונג בעמיהט זיך מיט אלע כחות אויף וויפיל ס'איז כאטש מיט א שטיקעל ברויט אדער חלה צו שטילען דעם הונגער פון הונדערטער יודישע פאמיליעס אין אונזער שטאדט.

די, וואס שטעהען נישט נאהנט ביי דער ארבייט פון די „תומכי-עניים" קענען זיך גארנישט פארשטעלען מיט וויפיעל מסירת-נפש אוא ארבייט איז פערבונדען, אויסערדעם, וואס מען מוז די דאזיגע זאך ווידמענען צייט און ארבייט, און א סך מאל פרעג איך זיך, צו-וואס טויג זיי דאס דער גאנצער קלאפאט, זאל זיי דאס אהרען אזוי, ווי עס געהט אן אלע יודען אין שטאדט—זענען זיי דאך. אבער די דאזיגע שבת-יודעלעך—משוגעים, לייגען זיי אריין זייער גאנצען חוש נאר אין דעם ווי אזוי נאך צו האבען א פאר קילא ברויט אדער חלות דאכט זיך, אז אויב עס טרעפען זיך אזעלכע יודען, וועלכע קאנען נישט צוקוקען דעם צער פון אויסגעשטרעקטע הענדלעך פון הונגעריגע קינדער און זיי בעמיהען זיך צו שאפען פאר זיי ברויט, דארף מען דאך לכל הפחות די דאזיגע יודען צו העלפען, און ווען מען איז שוין אזוי געמיין, אזוי הארטהערציג און ס'ארט זיי נישט דער גאנצער עלענד פון הונדערטער יודישע משפחות, דארף מען יעדענפאלס נישט לייגען זיי קיין שטיינער אויפ'ן וועג ומכל שכן זיי נישט שעלטען. ליידער אבער קאן מען אזעלכע נידערטרעכטיגקייטען יא פערצייכענען.

די „תומכי עניים"-טוער האבען נישט גענוג דאס, וואס זיי נעמען צונויף די חלות מיט ברויט שבת בשבת נאר זיי מוזען נאך צוקויפען יעדען שבת עטליכע הונדערט קילא געבעקס. כדי אבער צו האבען פאנדען דערויף, מאכען זיי אימפרעזעס, ווי אנ'אבצייכנונגס-טאג אדער זיי בעטען, אז מען זאל מנדר זיין ביי עליות, יאהר-צייטען וכדומה. יענע וואך האט די „תומכי עניים" איינגעארדענט א גאסען זאמלונג, האבען זיי אויך פערקויפט אבצייכנונגען אין די געוועלבער. נו, נו, האבען זיי געכאפט פון מאנכע אזעלכע קללות, ערגער ווי אין דער תוכחה. אין בעסטען פאל האט מען זיי פשוט ארויסגעווארפען. אויסרעכענען די רייכמאנ'ס, גאנשעראוויטש'עס, קאלינס אד"גל איז איבריג, ווייל כ'האלט, אז זיי זענען נישט ווערט, מען זאל זייערע נעמען דערמאנען אפילו צום שלעכטען. פונדעסטוועגען, בין איך אט די דאזיגע פאסקודניאקעס נישט קיין שונא און ווינש זיי פון גאנצען הארצען, אז כאטש זיי האבען אויף א נידערטרעכטיגען אופן בעליידיגט די „תומכי עניים"-יודען, וועלכע טהוען א גרויסע הייליגע ארבייט פאר דער יודישער נויט, זאלען אט די דאזיגע יודען אהן הערצער דאך נישט וויסען זייער טעם, דעם טעם פון נויט, דעם טעם פון די יעניגע, וועלכע קומען נאך א שטיקעל ברויט און קאנען עס נישט בעקומען. ניין, דאס ווינש איך אפילו זיי אויך נישט...

א גרוס פון נאהנטען צפון...

מיינע לעזער וועלען מיר מוחל זיין, וואס איך וועל אינמיטען דרינען זיך א כאפ אריבער געבען אין נאהנטען צפון קיין העלסינגפארס און איבערגעבען א גרוס פון אונזער'ס א בן עיר ר' בעריל בלאיגרונד.

מיט א פאר טעג צוריק איז געווען געמאלדען אין די יודישע צייטונגען, אז דער מורשה פון „קרן-היסוד" אין פינלאנד איז א געוויסער בעריל בלאיגרונד. האב איך פערשטאנען, אז דאס איז אונזער בעריל, אויסגעוואקסען אויפ'ן טשענסטאכאווער ברוק און שפעטער מגולגל געווארען קיין העלסינגפארס. און א מערקווירדיגער צופאל: לעזענדיג אזוי די נאטיץ אין דער צייטונג און טראכטענדיג וועגען אט דעם בעריל בלאיגרונד, מיט וועלכען דער שרייבער פון די שורות האט פערבראכט א גאנץ יאהר אין דער רוסישער קאזארמע, טאקי אין העלסינגפארס. קלינגט דער טעלעפאן: האלא, ווער רעדט? דא רעדט בלאיגרונד, ווער—בלאיגרונד פון העלסינגפארס? אין א פאר מינוט שפעטער זיצען מיר שוין צוזאמען אין האטעל און בעריל בלאיגרונד, וועלכער איז געקומען קיין טשענסטאכאוו זיך משמח זיין אויף א חתונה פון זיין א שוועסטערן טאכטער, דערצעהלט וועגען לעבען פון יודען אין נאהנטען צפון, אין פינלאנד.

איך האב פערשטעהט זיך אויסגעדרוקט מיין פרייד מיט דעם, וואס בעריל בלאיגרונד, וועלכער איז היינט צו טאג אין העלסינגפארס א גרויסער ביזנעסמאן, האט דאך נישט פערגעסען דעם חוב, וועלכען ער איז שולדיג דעם יודישען פאלק און ווידמעט זיין פרייע צייט יודישע אינטערעסען ווארום אויסער דער ארבייט ביים „קרן-היסוד", פעראינטערעסירען זיך דאך די העלסינגפארסער יודען מיט אנדערע יודישע פראגען אין וועלכע אונזער בן-עיר נעמט אנ'אקטיווען אנטייל.

עס איז געווען א פערגעניגען צו הערען דעם גרוס פון אונזערע ברידער אין נאהנטען צפון, וועלכע אינטערעסירען זיך זעהר שטארק מיט אונזער גורל און פיהלען אונז זעהר מיט, לעב'ן מיט אונזערע פריידען און וויינען מיט אונזערע ליידען.

אט מיט דעם גרוס, וואס עס האט אונז געבראכט אונזער בן עיר בעריל בלאיגרונד פון נאהנטען צפון, טייל איך זיך מיט אייך.

עס איז ווירקליך נישט אויסצוהאלטען...

שטעלט אייך פאר אזא אומגליק: עס איז אויסגעשטעלט געווארען א פלאץ אויף א ליציטאציע און א יוד האט איהם געקויפט. קאן דאס דער „גאניעץ" נישט אראבשלינגען און שרייט ארויס מיט א געוואלד, א געשריי: „ראטוויטשעו!" אזא אומגליק, א יוד, אנ'עכטער סעמיט האט גאר געקויפט א פלאץ אין פוילען און דערצו אין דער הייליגער שטאדט טשענסטאכאוו.

דעם „גאניעץ", וועלכען ס'זענען נישט פרעמד קיין יודישע סוחרים, ווייל זיין אייגעטימער האנדעלט נאך היינט מיט יודען, מאכט אבער דעם צביעות'דיגען אנשטעל, פאר די ברייטע נאאיווע לעזער, אז ער איז א שונא-ישראל, אז ער מיינט באמת אויסצוראטען יודען פון פוילען. כאטש ווען דאס זאל חלילה מקוים ווערען, ד. ה., ווען אין טשענסטאכאוו זאל זיך נישט געפונען קיין איין יוד, וואלט דאך דער „גאניעץ" בעשטימט אונטערגעגאנגען. היות אבער ווי זיין גאנץ חיות איז נאר א דאנק זיין העצען אויף יודען, וואלט במילא געווען אנ'עולה פון זיין זייט, אז ער זאל אדורכלאזען אזא פעטען ביסען, ווי דאס איז מיט'ן פאל, וואס א יוד האט געקויפט א פלאץ, וועלכער האט געהערט צו דער „באנק-לודאווי", וואס ס'איז משמע, אז יודען האבען גארנישט בדעה זיך אבצוטראגען פון דאנען.

קריצט ער טאקי מיט די צייהן, דער „גאניעץ" און דערצעהלט וועגען גרויסען אומגליק וואס ס'איז געשעהן און וויינט דערביי מיט קראקאדיל-טרעהרען.

גלויבט מיר, מיך אליין וואונדערט, אז דער „גאניעץ" שטאב קאן דאס אויסהאלטען. ער מוז טאקי נאר זיין שטארק ווי אייזען, ווארום אנדערש וואלט ער טאקי אזא בראך נישט געדארפט איבערהאלטען...

לויתן

קלייניגקייטן.

זי האט זיך גאר בעליידיגט...

גאנצע האפטעס ווייבער נעמען זיך צונויף און מען קריכט איבער די הייזער שנארען נדבות, צווישען זיי אזעלכע וועלכע זענען יונג און געזונד, ווען זיי זאלען וועלען ארבייטען, וואלטען זיי געקאנט פערדינען זייער ברויט בכבוד גדול. זענען עס דאך אבער שנארער, וועלכע האבען זיך צוגעוואוינט צו שנארען, ווערט עס גאר נישט העלפען— זיי האלטען, אז ארבייטען, איז א בזיון און שנארען איז א כבוד.

יענע וואך איז מיינס א שכן, ביי וועלכען מען האט געמאלט די וואוינונג, אוועק צו אזא איינער און איהר פארגעלייגט, זי זאל אויפרוימען די וואוינונג און דערפאר וועט זי בעקומען כך וכך. די שנארערין אבער האט זיך זעהר בעליידיגט און איז ארויס מיט א פומון, אזוי צו זאגען: ווי וואגט איהר—האט זי זיך צושריגען—צו קומען צו מיר מיט אזא פראפאזיציע. איך—האט זי זיך נישט געקאנט בערוהיגען פון כעס—איך וועלכע נעם אליין עמיצען צו רוימען מיין שטוב, זאל גאר געהן צו אנדערען רוימען און וואשען פאדלאגעס. ניין, מיינע שונאים וועלען דאס נישט דערלעבען, אזוי שלעכט איז נאך נישט...

א לענגערע צייט האט זיך די שנארערין נישט געקאנט בערוהיגען צוליב דער „חוצפה" איהר פארצולייגען אזא מלאכה בזויה.

עס איז איבריג צו זאגען, אז די יודישע געזעלשאפט האט א גרויסען חלק אין דעם, וואס ביי יודען בעליידיגען זיך שנארער'ס, אויב מען לייגט זיי פאר ארבייט...

„השוחט (השוחד) יעור" — דער בלינדער שוחט.

פאר עטליכע יאהר האט זיך אין אונזער שטאדט בעזעצט א יונגערמאן פון זאגלעמביע מיט'ן נאמען „שוכטער" נאדרזעטשנא גאס און אנגעהויבען צו „שעכטען" אויף רעכטס און ליגקס, וואס עס האט זיך נאר געלאזט: גסות, קעלבער, גענז, הינער א. א. וו. דער ראבינאט האט וועגען איהם עטליכע מאל ארויסגעגעבען אנ'איסור, אז זיין שחיטה איז נבלה וטרפה, די בעלי-בית'טעס אבער, וועלכע זענען מעהר מדקדק אויף עטליכע גראשען ווי אויף כש־ות, האבען געלאזט ווייטער ביי איהם שניידען און זיך זעהר מהנה געווען פון זיין ביליגער שחיטה.

די לעצטע טעג איז דער „טרפה'נער שוחט" שוכטער צוליעב זיין „שווערער ארבייט" געפאהרען זיך אברוהען אויף עטליכע וואכען. אזוי אבער ווי ער קען נישט זיין קליענטעלע לאזען אהן א „לינקען שוחט", האט ער פאר זיין אבפאהר אראבגעבראנגט זיין שווער, וועלכער וואוינט אין זאגלעמביע, א יוד פון א גאנץ יאהר און דערצו נאך א בלינדער און איהם געמאכט אלס זיין פערטרעטער. פעררופען האט ער זיך אויף א פסוק פון דער תורה: „כי השוחד יעור", אז עס איז גלייכער ווען דער שוחט איז בלינד.

עס וואלט שוין די העכסטע צייט געווען, אז די טשענסטאכאווער יודען, וואס ווילען עסען כשר פלייש, זאלען ווירקען אויף זייערע פרויען דאס צוליעב עטליכע גראשען זאלען זיי אליין נישט עסען טרפות און אויך נישט טרפה מאכען דאס גאנצע הויז.

סעם

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער גמילת-חסד-קאסע, אגראדאווע 6.

פערג. זונטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער גמילת-חסד-קאסע, אגראדאווע 6.

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס ה' ח. וויינהאלץ און בעט צו בעעהרען מיט אויפשטעהן דאס אנדענקען פון געזעלשאפטליכען טהוער אברהם דזיאלאווסקי ז"ל.

אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' ש. פראנק, אלס ביי־זיצענדע די ה"ה עדעליס און יארקאווינע, סעקרעטאר — ה' קארטוז.

נאכ'ן לעזען דעם פראטאקאל, וועלכער ווערט בעשטעטיגט גיבען אב די בעריכטען די ה"ה וויינהאלץ און פויערמויער, וועלכע בעקלאגען זיך אויף דער פעראראימקייט פון די מאסען און דאס איז גורם, אז די הלוואות ווערען נישט צוריקגעצאהלט צו דער געהעריגער צייט און במילא קאן מען אויך נישט ארויסגעבען אזויפיעל הלוואות.

אין משך פון לויפענדען יאהר, זענען ארויסגעגעבען געווארען הלוואות אויף דער סומע פון 4842 זל. פאר 92 פאמיליעס.

דעם קאסע-בילאנס גיט אב ה' קארטוש, וועלכער בעטרעפט די סומע פון 7.808 29 זל.

נאך א קורצע דיסקוסיע ווערט דער בעריכט בעשטעטיגט און ס'ווערט ארויסגעדריקט אבסאלוטאריום דער אבטרעטענדער פערוואלטונג.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 1860 זל. הכנסה און 1065 זל. הוצאות ווערט בעשטעטיגט.

אין דער פערוואלטונג ווערען פער־אקלאמאציע ארויסגעוועהלט אויפסניי די ה"ה: ח. וויינהאלץ, ה. פרייערמויער, ח. י. פאצאנאווסקי, פרוי לוגערנער, פרוי ראזען, י. זיידמאן, א. גרינשפאן, ח. לאנצמאן, מ. שמולעוויטש, ד. עפשטיין, א. פייעס, פ. קארטוז. פערטרעטער: פרוי וואלקאוויטש, פרוי קאזשוך, פרוי שארף, פרוי וויינשטאק, ר. ראזענבערג, א. גריץ, ל. דוימאן. רעוויזיאנס קאמיסיע: ה"ה ב. זינגער און א. קאלין. פערטרעטער: ה. לעווקאוויטש און לוגערנער.

צווישען די פרייע פארשלאגען ווערען אויך אנגענומען פאלגענדע פארשלאגען:

א) די אלגעמיינע פערזאמלונג דריקט אויס איהר שארפסטען פראטעסט געגען דעם בריסקער פאגראם און שענקט 5 זלאטעס פאר די בריסקער פאגראמירטע יודען.

ב) אין צוזאמענהאנג מיט'ן 10 יעהריגען יובל פון דער קאסע, וועלכע פאלט אויס אין 1938 יאהר צו מאכען א גאלדען בוך.

דאן ווערען נאך אנגענומען א רייהע פארשלאגען, ווי: א ווערבירונגס-אקציע, דאן זאל יעדער מיטגליד זיין פערפליכטעט אין משך פון א חודש צו קומען מינימום איינמאל שבת צום דאווענען, דאן א דאנק די יודישע פרעסע פאר'ן אבגעבען פלאץ פאר דער טעטיגקייט פון דער אינסטיטוציע און א רייהע אנדערע פארשלאגען.

נאך א שלוס ווארט פון ה' פרייערמויער, וועלכער ווענדעט זיך מיט אנאפעל צו די מיטגלידער וועגען מיטהעלפען אקטיוו אין דער ארבייט ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

ווי אזוי דארף מען זוכען א לאטעריע-צעטעל?

אין הערבסט פאריגען יאהר האט די דירעקציע פון דעם פוילישען לאטעריע-מאנאפאל — בכדי צו ענטפערן אויף א זעהר שנעלען אופן אויף די אנפראגען פון די לאטעריע שפילער, וואו עס געפינט זיך די דורך זיי געזוכטע לאטעריע - נומערן — איינגעפיהרט א נייעם סיסטעם, נעמליך: די אנפראגען פון די שפילער איבערשיקען דירעקט צום ענטשפרעכענדען קאלעקטאר מיט א געהעריגער אנווייזונג צו רעזערווירען א נומער און זיך פערשטענדיגען מיט'ן שפילער.

דער סיסטעם האט געגעבען זעהר גוטע רעזולטאטען, אבער בכדי זיינע פאזיטיווע זייטען זאלען אינגאנצען זיין אויף דער זייט פון שפילער, דארף דער שפילער פון זיין זייט זיינע פראגען איבערשיקען אויף אזא אופן, וואס זאל ערמעגליכען א שנעלע תשובה, קודם כל דארף די אנפראגע האבען א שייכות בלויז צום נומער, אויף וועלכען ער האט בדעה צו שפילען, און נישט צו דער גאנצער סעריע, פון וועלכע ער וועט שפעטער א וועלכען עס איז אויסקלויבען.

היות די אלע אנפראגען קומען אלע אן אין משך פון 3—4 וואכען און זענען נוגע א גרויסע צאהל לאסען, און חוצדעם בעקומען נישט אלע קאלעקטארען פריהער די צעטלען אין דער דירעקציע, ליגט אין אינטערעס פון שפילער, וועלכע האבען בדעה צו שפילען אויף עטליכע נומערן, זיי זאלען זייערע אנפראגען שרייבען אויף אזא אופן, וואס זאל ערמעגליכען די דירעקציע שנעל איבערצושיקען צו די ענטשפרעכענדע קאלעקטארען. אויב די אנפראגען ווערען צוגעשיקט אין בריעף, דארף יעדער נומער און אדרעס געשריבען ווערען אויף א בעזונדער שטיקעל פאפיר און אויב אויף א פאסט-קארטעל, דארף עס געשריבען ווערען אזוי, אזוי, אז מען זאל קענען דאס קארטעל צורייסען און די טיילען איבערשיקען צו די קאלעקטארען.

יאנאס טורקאוו און דיאנא בלומענפעלד אין טשענסטאכאוו.

שבת, דעם 19 ד. ח. טרעטען אויף אין „מכבי"-זאל נאר צוויי-מאל, 4 בייטאג און 8 אוונד די בעריהמטע און בעליבטע ארטיסטען יאנאס טורקאוו און דיאנא בלומענפעלד מיט זייער קאנצערט-איינגעשפילטען אנסאמבל, ווי: ש. בלאכער, ב. הארט, ל. לערנער, וו. הייבלום און ג. שאפירא אין דער זעהר פרעהליכער קאמעדיע פון ל. פאדאר, איבערזעצט פון דיאנא בלומענפעלד.

דאס קינסטלער-פארל טורקאוו און בלומענפעלד האבען זיך ביי אונז ווי אין גאנץ פוילען שוין לאנג קונה שם געווען מיט זייערע אויפטריטען אינ'ם ספעציעלען אייראפעאישען רעפערטואר, וואס ווערט דורך זיי צוגעקליבען פאר'ן בעסערן טעאטער-עולם.

די דאזיגע קינסטלער זענען שוין לאנג נישט געווען ביי אונז אין טשענסטאכאוו, זייענדיג א לענגערע צייט אין אויסלאנד, וואו זיי האבען געהאט גרויסע סוקצעסען אין זייערע אויפטריטען און זענען איבעראל אויפגענומען געווארען מיט ענטוזיאזם. זעהר ווארם האט זיך וועגען זיי אבגערופען די פרעסע אין קאוונע בעת זייער אנפיהרען דארט מיט'ן מלוכה-טעאטער.

עס איז א פאקט, אז דאס קינסטלער-פארל געהער צו די געצעהלטע יודישע דראמאטישע ארטיסטען, וואס קענען רעפרעזענטירען ווירדיג א גוט און ערנסט יודיש טעאטער.

דעריבער וועלען אלע אמת'ע יודישע טעאטער ליבהאבער זיך טרעפען שבת אויף די גאסט-אויפטריטען פון די דערמאנט קינסטלער.

פרטים אין די אפישען.

פון הצה"ר.

דאנערשטאג, דעם 9 ד. ח. איז אין לאקאל פון בית"ר פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון היגען הצה"ר. געעפענט די פערזאמלונג האט ה' ב. הערצבערג, וועלכער האט פערבעטען אלס אסעסארען די חבריב: זלאטניק, באום, ליבערמאן און קאנטאר.

עס געבען דאן אב בעריכטען: ב. הערצבערג — קאסע, ליבערמאן — קרן-תל חי, פרעזעס שמואל ניעמיראווסקי — אלגעמיינער בעריכט. עס קומט דאן פאר א דיסקוסיע, וועלכע דויערט א לענגערע צייט און אין וועלכער עס נעמען אנטייל א גרעסערע צאהל חברים.

נאכדעם איז ארויסגעוועהלט געווארען א פערוואלטונג לויט פאלגענדען: פרעזעס — ש. ניעמיראווסקי, וויצע-פרעזעסען — פראפ. ב. וויינבערג און ה. הערצבערג, סעקרעטאר — י. צימערמאן, קאסירער — ב. הערצבערג, פערוואלטונגס מיטגלידער — א. שימעל, מ. זעלצער, ד. ליבערמאן און א. בלום.

11 א זייגער אוועגד איז די פערזאמלונג געשלאסען געווארען.

אויף א זיצונג פון דער פערוואלטונג איז בעשלאסען געווארען היי־יאהר איינצואָרדנען כ' תמוז (29-טען ד.ח.) א הערצל-אקאדעמיע אין איינעם פון די גרעסטע היגע זאלען. אין דער אקאדעמיע וועלען אויך אנטייל נעמען ד"ר יעקב שעכטער פון קראקא און קצין הנציבות מגר. מ. בעגין פון ווארשא.

פרטים אין די אפישען.

געוועהלט פאבריקס-דעלעגאטען אין דער „גנאשינער מאנופאקטור".

אין דער טעקסטיל-פאבריק א. ד. פ. „גנאשינער מאנופאקטור" זענען צעהערנעכטען פארגעקומען וואהלען פון פאבריקס-דעלעגאטען.

פון דער אלגעמיינער צאהל 1661 וואהל-בערעכטיגטע האבען זיך אין די וואהלען בעטייליגט 1504 פערזאן, דערפון האבען 20 אבגעגעבען אונגילטיגע אדער ווייסע צעטלען.

די וואהלען העבען געברענגט א זיעג דער ליסטע נר. 2 פון די פראפעסיאנעלע קלאסען פעראיינען, וועלכע האט בעקומען 973 שטימען — 5 מאנדאטען; ליסטע נר. 3 (כאדעקעס) — 294 שטימען און 2 מאנדאטען; ליסטע נר. 5 (ז.ז.ז.) 217 שטימען און 1 מאנדאט.

די ארבייטער-עקספאזיטור פון דער ענדעקישער פארטיי „פראצא פאלסקא" האט—ווי מיר האבען שוין געמאלדען— אין די וואהלען זיך נישט בעטייליגט.

כראי צו דערמאנען, אז סיי די פראפעסיאנעלע קלאסען - פעראיינען, סיי ז.ז.ז. האבען בעקומען די זעלבע צאהל מאנדאטען, דאגעגען די כאדעקעס האבען פערגרעסערט מיט איין פארשטעהער די ביז יעצטיגע צאהל דעלעגאטען.

ברידער יודען!

מיר אפעלירען נאכאמאל צו אייך און רופען אייך צו איילען מיט הילף פאר אונזערע ברידער אין בריסק, וועמענס האב און גוטס איז אויף א וואנדאלען אופן פערניכטעט געווארען.

די יורען פון גאנץ פוילען גיבען מיט א ברייטער האנד פאר'ן אויפבוי פון דער מאטעריעל און מאראלוש רואינירטער יודישער בריסקער בעפעלקערונג, זאלען מיר דעריבער נישט בלייבען הינטערשטעליג.

זאל בעגדין דינען אלס ביישפיל פאר אונז, וואו צוויי מנדבים האבען געשענקט 25.000 זל, פאר אונזערע בריסקער ברידער!

ברידער יודען! דער צוריקאויפבוי פון א יודישען האב אין בריסק מוז געשעהן באלד, דעריבער מוז אויך אונזער הילף זיין א באלדיגע.

דער פערזוימען מיט'ן ערטיילען הילף איז א פערברעך לגבי אונזערע אונגליקליכע ברידער.

איילט דעריבער מיט הילף לויט אייערע מעגליכקייטען און צאהלט איין אייערע שפענדונגען אין איינער פון די ווייטערדיגע אינסטיטוציעס!

הילפס-קאמיטעט פאר דער געליטענער יודישער בעפעלקערונג איז בריסק.

טשענסטאכאוו, יוני 1937 י.

(–) מו"צ ר' יוסף פראקאש

(–) ד"ר אש ל.	(–) נויפעלד מ.
(–) איצקאוויטש ל.	(–) פאגעל מ.
(–) ד"ר בראם א.	(–) פרוי אינזש. קאן א.
(–) ד"ר באטאוויא ל.	(–) אדוו. קאנארסקי מ.
(–) פרוי דיר. גראסמאן י.	(–) קאץ ש.
(–) גאלדשטיין ש.	(–) פרעזעס ראזענבערג י.
(–) ד"ר הירשבערג ח.	(–) ד"ר שלייכער י.
(–) פרוי וועקסלער ב.	(–) לאַניק שפירא פ.
(–) פרוי ד"ר ליפינסקא ל.	(–) שטילער ז.
(–) ניעמיראווסקי ש.	(–) שטרויסבערג י.

נדבות קענען איינגעצאהלט ווערען אין:

1) אין דער קהלה-קאנצעלאריע, אלעע 10
2) פאבריקאנטען און סוחרים באנק, אלעע 22
3) באנק ספולדזשיעלטשי, אלעע 7
4) באנק קופיעצקי, אלעע 5.

די אלגעמיינע פערזאמלונג אין קליינהענדלער-פעראיין.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין אייגענעם לאקאל, אגראדאווע 5, פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון קליינהענדלער פעראיין (נאך דער פעראייניגונג).

דעם פארזיץ האט געפיהרט ה' קעסעלמאן.

אין דער פערוואלטונג זענען אויסגעוועהלט געווארען פאלגענדע פערזאנען: אדאלף עפשטיין – פרעזעס, ח. פרייערמויער און שטראסבערג – וויצע פרעזעסען, דוד פיליפאוויטש און י. טאפאר – סעקרעטארען, צדוק פיינער – קאסירער. מיטגלידער: גדליה גליקסמאן, מאיר אלטמאן און מנשה יאקובאוויטש. קאנדידאטען: מ. קעסעלמאן, ז. בארא-נאוויטש. עהרען געריכט: שמואל קרויזע, מ. שענקארסקי, וואלף סקארופע, משה גראנעק און יוסף זיידמאן. רעווידיר-קאמיסיע: שמעון ניימאן, י. ראטענבערג און פרעזראוויטש.

5 טויזענד אנטיילנעמער אינ'ם ארבייטער - אויספלוג אויף דער יאסנא-גורא.

אינ'ם ארבייטער-אויספלוג פון די קריסטליכע פראפעסיאנעלע פעראיינען, וועלכער איז פארגעקומען זונטאג אויף דער יאסנא-גורא האבען זיך בעטייליגט העכער 5 טויזענד ארבייטער פון לעמבערג, ביעלסק, וולאצלאוועק, ווארשא, זאוויערטשע און פיעקארי, וועלכע זענען אנגעקומען זונטאג פארטאגס און נאכמיטאג נאך א גאטעס-דינסט אויף דער יאסנא-גורא, צוריק אבגעפאהרען.

געשטיגען דער פרייז פון מעהל און ברויט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער פערשטענדיגונגס - קאנפערענץ, וואס איז פארגעקומען דעם 26 מאי און אין רעזולטאט פון די אנגענומענע בעשלוסען, איז פון דער אויפזיכטס מאכט אנגעקומען די בעשטעטיגונג אויף די נייע פרייזען פון מעהל און ברויט אין טשענסטאכאוו.

לויט'ן נייעם פרייז דארף קאסטען א קילא 70 פראצ. קארן מעהל אין דעטייל 38 גר., ברויט פונ'ם דאזיגען מעהל 33 גר., ראזאווע ברויט 27 גר., ווייצען-מעהל אין דעטייל 31 גר., זעמעל 66 גר.

דער נייער פרייז פערפליכטעט שוין פון פערג. שבת, דעם 12 יוני.

פונ'ם יודאאיסטישען אינסטיטוט

מארגען שבת פונקטליך 4 א זייגער נאכמ. קומט פאר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון פראפ. ב. וויינבערג, וועלכער וועט פארלעזען דעם המשך פון זיין אנגעהויבענעם רעפעראט, און זיך גלייכצייטיג געזעגענען מיט די בעזוכער פון די מסבות עונג שבת פאר זיין אבפאהר אויף אברוה.

קאנטאר פינקעלשטיין וועט, ווי תמיד, פערענדיגען די מסבה מיט רעליגיעזע שירים.

פייערליכע צוטיילונג פון די מאטורעס אין ד"ר אקסער'ס גימנאזיום.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין זאל פון „מכבי" פארגעקומען א פייערליכע אקאדעמיע אין צוזאמענהאנג מיט'ן פערטיילען די מאטורעס פאר די שילער פון ד"ר אקסער'ס גימנאזיום.

די טריבונע איז דעקארירט מיט בלומען און דיוואנען.

די פייערונג ווערט געעפענט מיט א דעקלאמאציע „למתנדבים בעם" פון ביאליק'ן, אויסגעפיהרט דורך די שילערין ר. גאטליב. דאן זינגט דער שולכאר „התקוה".

א זעהר שעהנע געזעגנונגס-רעדע האלט די שילערין רעלא גוטמאן, דאן ווערט געהאלטען א רייהע זעהר געלונגענע רעפעראטען און דעקלאמאציעס דורך די שילערינס מאשא שלעזינגער, גוטא גאנזווא, יהודית האכערמאן און געניא וועקסלער.

אימפאזאנט איז אויסגעפאלען דאס בילדעל „די ענטוואפנונגס קאנפערענץ", וועלכע איז אויסגעפיהרט געווארען דורך עטליכע שילער אין דער ענגלישער שפראך מיט א פארווארט פון דער שילערין זאשא אפאטאווסקא.

צום סוף האלט דער דירעקטאר ד"ר אקסער א זעהר אינטערעסאנטען רעפעראט אין עטליכע שפראכען און ס'קומט פאר די פערטיילונג פון די מאטורעס. די אביטוריענטען בעקומען בלומען.

די אקאדעמיע ענדיגט זיך מיט זינגען דעם פוילישען נאציאנאלען הימן.

די פייערליכע אקאדעמיע האט געמאכט אויף אלע אנוועזענדע א זעהר גוטען איינדרוק און די קינדער זענען דורכ'ן צאהלרייך פערזאמעלטען עולם בעשאנקען געווארען מיט לאנג-דויערנדע אפלאדיסמענטען.

שענדליכע פראוואקאציע פון וויעלונער „עכא"

„יודען פראוואצירען, א יוד האט געשטאכען א קריסט" — אונטער די דאזיגע אלארמירענדע קעפלעך פערעפענטליכט דער וויעלונער „עכא" אין מיטוואכ'דיגען נומער א ידיעה, בכן יודען האבען אויף דער אקולנא-גאס צושטאכען דעם 19-יעהריגען לעאן סאלינסקי, וועלכער האט אומגערן זייענדיג בגילופן פערשטעפעט א יוד. דערביי צושמירט זיך די צייטונג, פרעגענדיג נאאיוו: וואס וואלט געווען, ווען דער פאל איז פערקעהרט, דאמאלס וואלטען אלע זשארגאנאווע בלעטער געקלינגען וועגען א פאגראם אויף יודען, אפילו אויסלאנד וואלט זיך אריינגעמישט א.ד.גל.

ווי מיר דערוויסען זיך פון זיכערע קוועלען, שטעלט זיך די זאך פאר פאלגענד:

דער ארבייטסלאזער סאלינסקי איז מיטוואך אהיימגעקומען אין אנ'אויפגערעגטען צושטאנד. פלוצים האט ער ארויסגעכאפט א מעסער און געזאגט צו דער שוועסטער: איך האב נישט צו וואס צו לעבען, קיין עלטערן האב איך נישט, וועל איך זיך מיט דעם מעסער צושטעכען. די דערשראקענע שוועסטער האט איהם קוים אבגעהאלטען פונ'ם דאזיגען פערצווייפעלטען שריט. סאלינסקי האט זיך אבער ארויסגעריסען און ארויס דורכ'ן טויער אויף אקולנא גאס (ער וואוינט אויף באריטש 19). נאך א ווייל האט מען איהם שוין געפונען א פערוואונדעטען דורך א וואונד פון א מעסער אין ברוסט. אין א שווערען צושטאנד האט מען איהם גענומען אין שפיטאל אריין.

דעם דאזיגען פאל האט דאס דער אנטיסעמיטישער „עכא" אזוי שענדליך אויסגענוצט. מאכענדיג א בלבול אויף יודען.

כוליגאנישער אנפאל אויף א יודישען וואלד-סוחר אין זלאטי-פאטאק.

מאנטאג, פארנאכט, ווען דער היגער וואלד סוחר ה' גיטמאן צוקער, וועלכער פיהרט מסחרים אין זלאטי פאטאק, איז אנגעקומען אויף דער פאכאקער באהן-סטאציע, כדי אהיימצופאהרען קיין טשענסטאכאוו, איז ער פלוצלינג בעפאלען געווארען דורך עטליכע יונגע כוליגאנעס, וועלכע האבען איהם גענומען שלאגען מכת רצח, נישט געקוקט אויף דעם ארומיגען עולם. אויף דער סטאציע האט זיך נישט געפונען קיין פאליציאנט און אויך נישט קיין באהן-בעאמטער און דער בעפאלענער, אגב שוין אן עלטערער יוד, האט זיך דאן געווענדעט צו די ארום-שטעהענדע קריסטען, צווישען זיי אויך עטליכע וואלד-שומרים, וועלכע קענען איהם זינט יאהרען, אז זיי זאלען איהם ארויסראטעווען פון די הענד פון די כוליגאנעס. אבער אומזיסט, די אנוועזענדע האבען איהם געלאכט אין פנים און גלייכצייטיג זיך צוגעקוקט ווי מען שלאגט דעם יוד.

אזוי ווי דער צוג האט געדארפט אנקומען ערשט אין א האלבע שעה, האט דאן דער יוד באין ברירה גענומען צוריקגעהן אין שטעדטעל אריין. אויפ'ן וועג איז ער אבער ווידער בעפאלען געווארען דורך די זעלבע כוליגאנעס, וועלכע האבען איהם מיט שטיינער געשלאגען אין קאפ, געווארגט, אומגעווארפען און געטרעטען און לסוף אריינגעווארפען אין א ריוו פול מיט וואסער.

א פערבלוטיגטער איז דער וואלד-סוחר קוים מיט'ן לעבען ענטלאפען אין א שכנות'דיגען טארטאק, פון וואנען ס'איז ארויסגערופען געווארען טעלעפאניש א טאקסי, מיט וועלכער דער פערוואונדעטער איז אהיימגעקומען קיין טשענסטאכאוו.

דער קרבן פון כוליגאנישען אנפאל האט געמוזט אנקומען צו מעדיצינישע הילף און ליגט צו בעט.

Prywatna Szkoła Powszechna
Mgr. T. Wajnberżanki
w Częstochowie, I Aleja № 8
przyjmuje zapisy nowowstępujących do wszystkich klas.
Egzaminy systemem lekcyjnym.
Nauka przedmiotów judaistycznych w dużym zakresie pod kierownictwem prof. B. Wajnberga
Kancelaria czynna w godz. 9—1 przed poł. i 3—5 po poł.
Dla niezamożnych ulgi.

Przeds. Ekspedycyjno-Transportowe
„LLOYD KRAJOWY"
Częstochowa, Piłsudskiego 39.
Tel. 24-66. PKO 67-791.
שטענדיגע טעגליכע לאסט-אויטא-קאמוניקאציע
אויפ'ן שטח טשענסטאכאוו — דאמבראווע — בענדין — סאסנאוויץ — קאטאוויץ — כאזשוב; טשענסטאכאוו — לאדז; טשענסטאכאוו — ווארשא — ביאליסטאק — ווילנא; טשענסטאכאוו — בידגאשטש — פויזען; טשענסטאכאוו — קראקא — לעמבערג; אויך שנעלע סחורות-איבערפיהרונג צוריק פון די אויבען-אויסגערעכענטע שטעדט.
סאלידע און געוויסענהאפטע ערלעדיגונג פון נאכנאהמעס.
מיר בעטען צו פערלאנגען אפערטען.

מעלדונג פון דער חלוצישער גערטנער-פערמע.

די חלוצישע גערטנער פערמע „שומריה" מאכט בעקאנט דער היגער יודישער געזעלשאפט, אז ביים קבוץ איז געשאפען געווארען א פאטראנאט, צו וועלכען עס געהערען די ה"ה: ד"ר בראם, ד"ר טעמפעל, ב. קוולאנד, אדוו. ניטלער, פראפ. לאוער, קאפינסקי, ד. בארזיקאווסקי און ד"ר גינסבערג.

גלייכצייטיג מעלדען מיר אויך, אז מיר האבען געעפענט א ווארשטאט פון דאמען קאנפעקציע, וועלכער איז פערזעהן מיט קוואליפיצירטע פאכמענער און מיר נעמען אן אלערליי ארבייט פון דעם געביט.

דער ווארשטאט געפינט זיך אויף אלעע 55. וואוינונג 14. טעל. 35 25.

וואהלען פון פאבריקס-דעלעגאטען אין דער פאבריק „סטראדאם".

מ'טוואך זענען אין דער פאבריק „סטראדאם" געוועהלט געווארען ארבייטער-דעלעגאטען, וועמענס צאהל ס'איז בעשטימט געווארען אויף 10.

די ליסטע נר. 2 (פ.פ.ס.) האט בעקומען 1001 שטימען, ליסטע נומער 3 (כאדעקעס) 765 שטימען, ליסטע נר. 4 (ענדעקעס) 226 שטימען און ליסטע נר. 5 (ז.ז.ז.) 192 שטימען.

די פערטיילונג פון די מאנדאטען איז אבגעלעגט געווארען ביז'ן צוריקקעהרען צו דער ארבייט די בעשעפטיגטע פון דער ליינען אבטיילונג אין דער צאהל פון 160 פערזאן, וועלכע זענען איצט אויף אורלויב.

דערטרינקען געווארען בעת'ן באדען זיך.

נעבען דער פאבריק „טשענסטאכאוויאנקא" איז עהענטנעכטען געשעהן א טראגישער פארפאל. אינ'ם דארטיגען טייך האט זיך אין די פריהמארגען-שעה'ן געבאדען א יונגעל, וועלכער איז דערטרינקען געווארען.

דעם דאזיגען פארפאל האט בייגעוואוינט א מאנספערשוין, וועלכער איז דארט דורכגעפאהרען אויף א ראווער, אבער אנשטאט באלד צו קומען צוהילף דעם אומגליקליכען, האט ער זיך צוערשט אויסגעטהון און ערשט דאן ארויסגעשלעפט דאס יונגעל אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד.

די באלדיגע רעטונג האט אבער נישט געווירקט און דער אנגעקומענער דאקטאר האט בלויז פעסטגעשטעלט דעם טויט.

ווען די חמימה איז גרויס...

ווען פון הימעל ברענט א העליש פייער און פון די צופלאמטע מויערן שלאגט א חמימה, בעהערשען אומעטיגע מחשבות דעם שטאדט-מענש, וואס האט זיך בעצייטענס נישט בעווארענט צו קענען כאטש א קורצע צייט זיך אויסבעהאלטען אין וואלדיגען שאטען אדער זיך טונקען אין די אבפרישענדע כוואליעס פון אונזער ים. און עס איז דאך געווען גענוג בלויז א ביסעלע בערעכענטקייט, כדי זיך צו קענען פערגינען די דאזיגע תענוגים. עס איז גענוג זיך צו פערשאפען אנ'אבשפאר ביכעלע פון פ.ק.א., כדי פון קליינע איינצאהלונגען נאך א געוויסער צייט האבען אבגעשפארט אביסעל געלד, וואס זאל קלעקען צו קענען פערלאזען די שטאדטישע מויערן און געשמאק פערברענגען דעם אברוה. דער בעזיץ פון אנ'אבשפאר-ביכעל פון פ. ק. א. איז די ערבות פון אנ'אנגענעמען אורלויב און ערלויבט צו געניסען פון פיעל בעקוועמליכקייטען. דאס ביסעל מזומנים פערשפארט מען צו היטען אין וועג, און מ'האט נישט וואס מורא צו האבען פאר גנבים. אהן שום קלאפאט קען מען אין יעדען פאסט-אמט ארויסנעמען אויפ'ן אבשפאר-ביכעלע א קליינע סומע אויף די לויפענדע הוצאות.

אויף דער צייט וואס מ'פאהרט ארויס גיט אויך פולע זיכערהייט ערבות דאס איינלעגען מזומנים, ווערטפולע חפצים און ווערט-פאפירען אין א סייף פון פ. ק. א.

נדבות פאר דער געז. „תומכי עניים"

ה' יצחק מיץ און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאכטער 10 קילא ברויט.

ה' מ. מארקאוויטש און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן 2 זל.

ה' קופערמינץ 10 קילא ברויט.

פאר די געליטענע אין בריסק

ה' משה אייזנער 5 זל.

ה' ס. ווארגאן 5 זל.

ה' לייביל טענענבוים קאטעדראלנע 7, 3 זל.

וואהלען פון ארבייטער-דעלעגאטען אין דער „טשענסטאכאוויאנקע".

אין דער טעקסטיל פאבריק „טשענסטאכאוויאנקע", וועלכע בעשעפטיגט העכער 2400 ארבייטער זענען דינסטאג אונטער'ן פארזיץ פון פערטרעטער פון ארבייטס אינספעקטאר סאבקאוויאק, פארגעקומען די וואהלען פון פאבריקס-דעלעגאטען.

אזוי, ווי די מאנטאג'דיגע וואהלען אין גנאשין, האבען אויך די דאזיגע וואהלען געברענגט א פולשטענדיגען נצחון פון דער ליסטע נומער 2 פון די פראפעסיאנעלע קלאסען-פעראיינען (פ.פ.ס.), וועלכע האט בעקומען 1114 שטימען — 7 מאנדאטען, די ליסטע נר. 3 (כאדעקעס) האט בעקומען 208 שטימען — 1 מאנדאט און די ליסטע נר. 4 (פעראייניגונג פון דער פוילישער ארבייט), וועלכע שטעהט אונטער'ן איינפלוס פון די ענדעקעס האט בעקומען 99 שטימען — 1 מאנדאט, די ליסטע נר. 5 (ז. ז. ז.) האט בעקומען קוים 66 שטימען און איז געבליבען אהן מאנדאט.

פאלאקען פון אמעריקא קומען היינט קיין טשענסטאכאו.

היינט פרייטאג 9 37 פריה קומט קיין טשענסטאכאוו אנ'אויספלוג פון דער פוילישער סוחרישער פעדעראציע אין דער צאהל פון 41 פערזאן.

די געסט וועלען פייערליך בעגריסט ווערען אויפ'ן באהנהויף, דאן וועלען זיי בעזוכען די יאסנא גורא און די שטאדט.



KUP ŻELAZKO ELEKTRYCZNE
Miesiąc żelazka i imbryka
Każdy nabywca w tym miesiącu otrzyma premie:
do imbryka — serwis porcelanowy
do żelazka — koc
Prosimy odwiedzić **Salon Propagandowo-Pokazowy ul. N. Maryi Panny 22.** Elektrownia.

Proszek od **BÓLU GŁOWY**
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.
KOWALSKINA
stosuje się również
PRZY **PRZEZIĘBIENIU, GRYPIE i KATARZE**

Zastępca: H. Norymberski, Częstochowa, Aleja 38.
Niezrównana książka z przepisami Dr. A. Oetkera pt. „Dobra gospodyni piecze sama" jest do nabycia we wszystkich sklepach kolonialnych, księgarniach i u naszego zastępcy. Cena obniżona 30 groszy

KINO „EDEN".
מאריאן דייוויס און קלארק גאבל
אינ'ם הערליכען מוזיקאלישען פילם
KAIN i MABEL
ליבע, געבוירען דורך האס.
די ליבע איז געווארען א קללה.
וואונדער פון דער קינעמאט. טעכניק.
איבער'ן פראגראם: פאט און אקטואליען
שבת און זונטאג 30 12 מיטאג
Orzeł leci do Chin.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.
דער שענסטער פילם פון די לעצטע טעג
Zwyciężyły Kobiety
אין דער הויפט-ראל:
זשאן מוראט

פארבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאסעלעוויטשא 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)
קראגענס ווערען געוואשען מיט דויער-האפטען שפיגעל-גלאנץ.
ספעציאליטעט:
1) אויספרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
4) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושען.

Kino „LUNA"
סילוויא סידניי
ספענצער טראסי
אינ'ם הערליכען קונסטווערק
JESTEM NIEWINNY
רעאליזירט דורך פריץ לאנג, שעפער פון „ניבעלונגען".
איבער'ן פראגראם: פליפ און פלאפ
אין דער קאמעדיע
Cygańskie dziewczę